STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03294

NATSYONALE UN POLITISHE BAVEGUNGEN BAY YIDN IN BYA

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געשיכטע פון די יידן אין
ביאַליסטאָק און ראַיאָן

בוך 3, העפט 1



HISTORY OF THE JEWS IN BIALYSTOK

Book 3, Part 1

National and Political Movements Among Jews in Bialystok

(Material for History)

Part I

Published by the

BIALYSTOK JEWISH HISTORICAL ASSOCIATION, Inc.

600 West 218th Street, New York 34, N. Y.

1951

נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען
בײַ ייִדן אין ביאַליסטאָק

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע)

ה ע פ ט 1

ר ע ד אַ ק צ י ע :
דר. הערמאַן פראַנק, דוד קלעמענטינאָווסקי
זיידל כאַבאָצקי

אַרויסגעגעבן פון דער
געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק
ניו־יאָרק
ה'תשי"א 1951

Copyright 1951 *by*

THE BIALYSTOK JEWISH HISTORICAL ASSOCIATION, Inc.

Printed in the United States of America by

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

א י נ ה אַ ל ט

פון די אַרויסגעבער — געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק 9 —7

געשיכטלעכע פּרטים פון דויערנדיקער באַדייטונג (אַריינפיר־
וואָרט)..דר. הערמאַן פראַנק 14—11

**די „חובבי ציון" און דער אָנהייב פון פּאָליטישן ציוניזם אין
ביאַליסטאָק**...דוד קלעמענטינאָווסקי 37—15
ווי אַזוי עס איז געגרינדעט געוואָרן די „חובבי ציון" אין ביאַ־
ליסטאָק. — די השפּעה פון די ביאַליסטאָקער „חובבי ציון". —
ביאַליסטאָק און דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס. — די
ערשטע יאָרן פון פּאָליטישן ציוניזם אין ביאַליסטאָק.

זכרונות פון אַ ביאַליסטאָקער בונדיסט (1901—1905)...............
דר. באָריס ציפין 46—38

**צוויי פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ביאַ־
ליסטאָק** (זכרונות וועגן ג. ברומער און מ. רובינשטיין)...........
בנימין שטופּלער 55—47

פאָטאָגראַפישע בילדער:

יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי.. 17
יעקב סאַפּירשטיין.. 17
מרדכי דינאָוויטש.. 19
דניאל ליפשיץ.. 19
קאַטאָוויצער אסיפה.. 21
אָדעסער צוזאַמענפאָר.. 23
דר. יוסף מאָהילעווער.. 25
אייזיק האַראָדישטש.. 30
ליטמאַן ראָזענטאַל.. 33
לעאָן פּאַפּערין.. 33
דר. באָריס ציפין.. 39

צוקצעטל פון פּערזאָנען.. 59—57

אינהאַלט פון „פּנקס ביאַליסטאָק" באַנד 1 און באַנד 2............ 64—61

פון די אַרויסגעבער

די אויסגאַבע איז די ערשטע פון דער סעריע, וואָס וועט באַהאַנדלען די אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען אין אונדזער היימשטאָט — אַ שטיק געשיכטע וואָס איז אין „פּנקס ביאַליסטאָק" פון א. ש. הערשבערג וויניק און איינזייטיק באַלויכטן. דער „פּנקס ביאַליסטאָק", וואָס האָט באַקומען די בעסטע אָפּשאַצונג, און אַ זייער וואַרימען אָפּרוף סיי פון דער יידישער פּרעסע, סיי ביי די לייענער גופא, איז געשריבן געוואָרן פון איין מענטשן, פון איין היסטאָריקער. ווי נייטראַל אָבער דער היסטאָריקער זאָל זיך ניט באַציען צו די פאַקטן, וואָס ער פאַרצייכנט און ווי אָביעקטיוו ער זאָל ניט ווען באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, וועלכע ער באַרירט, קען ער זיך ניט אָפּזאָגן פון זיין „איך", פון זיין קוק אויפן לעבן, פון זיינע פּערזענלעכע מיינונגען, פון זיין אייגענער אָפּשאַצונג, בפרט נאָך, ווען דער שרייבער איז ניט נאָר אַ היסטאָריקער, נאָר אויך אַ כלל־טוער, אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן מיט פּערזענלעכע אַמביציעס.

אין אונדזער איצטיקער אויסגאַבע ברענגען מיר: די „חיבת ציון" באַוועגונג און דער אָנהייב פון פּאָליטישן ציוניזם, וועגן דער בונדיסטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, וועגן יידן־פּיאָנערן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק — פאַקטן, עפּיזאָדן און זכרונות פון אַ זייער וויכטיקער פּיאָנערן־עפּאָכע (1882—1906), אַן עפּאָכע וואָס האָט איבערגעלאָזן טיפע שפּורן אין נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן לעבן אין מזרח־אייראָפּע און געשלאָגן שטאַרקע וואָרצלען פאַר דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון די אידייען און באַוועגונגען, מיט וועלכע עס איז געוועזן אויסגעפילט דאָס יידישע לעבן ביז דעם קאַטאַסטראָפאַלן אומקום.

אין אונדזערע ווייטערדיקע אויסגאַבעס ווילן מיר דערגאַנצן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער שפּעטערדיקער עפּאָכע (ביז 1940) און שילדערן די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון די באַוועגונגען פאַר די לעצטע 34 יאָר. מיר האָפן דערמיט צו געבן פאַר די קומענדיקע דורות אַ קלאָר בילד פון דעם, וואָס דאָס יידישע ביאַליסטאָק האָט בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע און אין דער גאָרער וועלט.

דער פאַקט גופא, וואָס מיר גיבן אַרויס דעם דריטן בוך פון דער געשיכטע פון יידישן ביאַליסטאָק אין אַ סעריע פון העפטן (בראָשורן), איז ניט קיין גאָר פריילעכער. מיר טוען דאָס ניט פאַר ווואוילטאָג. אוודאי וואָלטן מיר געוואָלט אונדזערע ווייטערדיקע אויסגאַבעס אַרויסגעבן אין מאָנומענטאַלע ווערק, ווי מיר האָבן עס געטאָן מיט „פּנקס ביאַליסטאָק". מיר טוען עס אָבער דערפאַר,

ווייל מיר מוזן זיך רעכענען מיט דעם ניט־גינסטיקן מאָמענט פאַר דרוקן און פאַרשפּרייטן יידישע ביכער.

האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד און אַרויסגעבן אונדזערע ווייטערדיקע אַרבעטן אין קלענערע ביכער, אין בראָשורן־פאָרם. מיר וועלן עס אָבער טעכניש אַזוי אַרויסגעבן, אַז אַ צאָל בראָשורן וועגן איין טעמע, איין פּראָבלעם, איין עפּאָכע וועלן שפּעטער קענען ווערן צוזאַמענגעבונדן און בילדן איין גאַנצן וואָגיקן בוך. מיר ווילן אויך ניט לאָזן וואַרטן אונדזערע לאַנדסלייט און פריינט צו לאַנג אויף אונדזערע ווייטערדיקע אויסגאַבעס. מיר ווילן בלייבן אין לעבעדיקן ענגן קאָנטאַקט מיט אונדזערע לייענער און מיט אַלע, וואָס ווייזן אַרויס אַן אינטערעס פאַר דער פאַרגאַנגנהייט פון אונדזער אַלטער היים. מיר ווילן ניט מאַכן קיין גרעסערע הפסקה אין אונדזער אַרבעט. מיט דעם דערשיינען פון די ערשטע צוויי ביכער, די צוויי בענד „פּנקס ביאַליסטאָק״, האָט זיך אונדזער פאָרשונגס־און פאַרלאַגס־אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט.

מיר אַרבעטן איצט זייער אינטענסיוו אויף אַ יזכור־בוך, וואָס וועט באַהאַנדלען אָביעקטיוו דעם חורבן ביאַליסטאָק פון 1939 ביז 1943, פון דעם מאָמענט, וואָס די דייטשן זיינען געקומען, ביז נאָך דער פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון געטאָ, און וועט אַנטהאַלטען אַ רשימה פון אומגעקומענע און אין קאַמף געפאַלענע ביאַליסטאָקער. אויך דאָס וועלן מיר אַרויסגעבן אין בראָשורן, כדי צו מאַכן פאַר אונדז די אַרבעט לייכטער און פאַר אונדזערע לייענער — באַקוועמער.

ביי דער געלעגנהייט דריקן מיר אויס אונדזער דאַנק אַלע פריינט, וואָס האָבן אונדז צוגעשיקט נאָטיצן, היסטאָרישע און ביאָגראַפישע מאַטעריאַלן, עפּיזאָדן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַנוצט אָדער וועלכע מיר וועלן נאָך שפּעטער אויסנוצן. גאַנץ באַזונדערס צו די פריינט י. פּ. מרחביה (ירוחם פישל שניידער), ירושלים, און נחמן דרוזדוב (דרוזדובסקי), שיקאַגאָ, פאַר זייערע ווערטפולע מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציעס.

מיר דערמאָנען אַלע אונדזערע לאַנדסלייט, אַז יעדער ביכל, יעדער אויסשניט פון אַ צייטונג, יעדער בילד, יעדע פאָטאָגראַפיע, יעדע אינפאָרמאַציע וואָס איז שייך אונדזער פאַרגאַנגנהייט אין ביאַליסטאָק איז ווערטפול פאַר אונדזער אַרכיוו און פאַר אונדזער פאָרשונג־אַרבעט.

מיר דריקן אויס אָנערקענונג צו די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אין משך פון 1950־1951 אונדז געגעבן זייער מאַטעריעלע אונטערשטיצונג:

ביאַליסטאָקער סאָשל קלוב און ליידיס אָקזילערי, שיקאַגאָ; קרינקער סאָסייעטי, שיקאַגאָ; ביאַליסטאָקער צענטער אין מאָנטרעאַל

(קאַנאַדע); ביאַליסטאָקער פאַרבאַנד, טאָראָנטאָ (קאַנאַדע); ביאַליס־טאָקער צענטער, בוענאָס איירעס (אַרגענטינע); ביאַליסטאָקער פאַר־באַנד אין פּאַריז (פראַנקרייך); ביאַליסטאָקער פאַראיין אין מילוואָקי. אויך די יורשים פון פאַרשטאָרבענעם מיטגליד פון אונדזער געזעל־שאַפט, מאיר פראַנקפורט, ניו־יאָרק, פאַר זייער ביישטייערונג צום אָנ־דענק פון זייער פאָטער ע"ה.

געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק
ניו־יאָרק

יולי, 1951.

געשיכטלעכע פּרטים פון דויערנדיקער באַדייטונג

(אַריינפיר־וואָרט)

• פון דר. הערמאַן פראַנק

אַ סך ביכער, בראָשורן און אַרטיקלען האָט מען שוין אָנגעשריבן וועגן די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען ביי אידן פון מזרח־אייראָפּע אין די לעצטע 70 יאָר צייט. אויך די ראָלע פון ביאַליסטאָק איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. כמעט אַלע ביז איצטיקע ווערק פון אָט־דעם מין, ווי ווייט זיי האָבן אַ שייכות צו דער ביאַליסטאָקער געשיכטע, גיבן אונדז בילדער מיט אַלגעמיינע, ברייטע שטריכן פון דעם שטורמישן נאָענטן עבר. זעלטן געפינט מען אין זיי די וועזנטלעכע דעטאַלן, די כאַראַקטעריסטישע פּרטים, וואָס נאָר זיי זיינען מסוגל צו מאַכן לעבעדיק די פאַרגאַנגנהייט, אַ דאַנק די ניואַנסן און שאַטירונגען וואָס גיבן אַ בילד די פרישקייט און לעבעדיקייט. ביי יעדן פריינד פון היסטאָריע — סיי דער פּשוטער לייענער, סיי דער געשולטער היסטאָריקער — זיינען דעריבער די געשיכטלעכע פּרטים אַזוי אָנגעלייגט און טייער.

ביז גאָר טרעפלעך האָט דעמדאָזיקן געדאַנק אויסגעדריקט דער ענגלישער קריטיקער און פּאָעט, מחבר פון פרעכטיקע היסטאָרישע און ביאָגראַפישע ווערק, אָוסטין דאָבסאָן (1840—1921), אין איין פערז פון 4 שורות *):

I don't pretend to paint the vast
And complex picture of the past;
For detail, detail most I care:
Ce superflu, ci necessaire.

מיר האָבן איבערגענוג ברייטע בילדער, וואָס שייך די נייערע יידישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, און זיי איבערצוחזרן וואָלט געווען אַן אומזיסטער פאַרלוסט פון צייט און מי. גאַנץ אַנדערש האַלט עס מיטן ענין דעטאַליזירן, דאָס הייסט — צוגעבן פּרטים און אַרויסברענגען נייע, אָדער גאָר ווייניק באַקאַנטע, שאַטירונגען און ניואַנסן פון די צי יענע פאַסירונגען אין דער וויכטיקער היסטאָרישער תקופה, וואָס ציט זיך נאָך ביז איצט. ס'איז אַ ווערטפולע

*) אין דער יידישער איבערזעצונג קלינגט עס אַזוי:
איך קום נישט מאָלן ס'ברייטע בילד
פון עבר אין קאָמפּלעקס פאַרהילט;
דער פּרט, דער פּרט מיר מער באַדייט:
ברייט — איבעריק, פּרט — נויטיקייט.

אַרבעט צו פאַרצייכענען וואָס מער דעטאַלן פון אָט־דעם מין, סיי אין באַצוג צום יידישן מאַסן־לעבן, סיי וואָס שייך די פירנדיקע יחידים וואָס האָבן אַרויפ־געדריקט זייער חותם אויף דער אַרומיקער סביבה און טיף באַווירקט, ניט נאָר זייער צייט, נאָר אויך די צוקונפטיקע געשיכטע. אין אָט־דעם ווינקל פון געשיכ־טע־שרייבונג קען קיין גענוג נישט געמאָלט זיין, ווער רעדט שוין פון אַן איבער־פלוס! מיט יעדער באַרייכערונג פון אַזאַ היסטאָרישן וויסן העלפן מיר דערגרייכן ווי אַמבעסטן די הויפּט־פונקציעס פון היסטאָריע, דהיינו: מחיה מתים זיין דעם עבר, ראַטעווען פון אָפּגעווישט ווערן אויף שטענדיק די שפּורן פון נעכטן, און דערקלערן דעם היינט אין ליכט פון דעם וואָס איז געווען. לאָמיר גדענקען אַז די פאַרגאַנגנהייט, צי מיר וויסן עס אָדער נישט, פאָרמירט אויס דעם היינט, פונקט ווי מיר איצט לייגן דעם יסוד און שאַפן אַ וועג פאַר דער צוקונפט.

פון אַזאַ קוק גייען מיר אַרויס ביי דער באַלייכטונג פון דעם נישט צו וויטן ביאַליסטאָקער עבר אין שייכות מיט די גזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען און שטרעמונגען, זינט 1881, וואָס דער ערשטער אָנהייב פון דעם ווערט געמאַכט אין דער איצטיקער בראַשור.

די יידיש־נאַציאָנאַלע אויפלעבונג־באַוועגונג, וואָס איז גאָר ספּעציעל געווען פאַרבונדען, ווי גוט באַקאַנט, מיט ביאַליסטאָק, האָט שוין געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין אַ צאָל געשיכטלעכע און מעמואַריסטישע ווערק, אַ טייל פון וועלכע ווערן דערמאָנט אין א. ש. הערשבערגס „פנקס ביאַליסטאָק", און אין אַנדערע, וואָגיקע ווערק, ווי א. דרויאַנאָווס 3־בענדיקע „כתבים לתולדות חבת ציון וישוב א״י" וכדו׳. די דאָזיקע באַקאַנטע אַרבעטן און דאָקומענטןריידן כמעט אויסשליסלעך פון עטלעכע באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי ר׳ שמואל מאָהילעווער און דר. יוסף כאַזאַנאָוויטש. כמעט נישטאָ אין זיי קיין שפּור פון די צאָלרייכע פּשוטע פאָלקס־מענטשן און אַקטיווע טוערס, און אויך פון די לאָקאַלע אומשטענדן און באַדינ־גונגען וואָס האָבן אויסגעפאָרמירט און געגעבן אַ ריכטונג דער ביאַליסטאָקער באַוועגונג אין די ברייטע ראַמען פון יידיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס צווישן 1880 און 1906. אָט־דעם בלויז וועלן מיר זוכן אויסצופילן מיט די היסטאָרישע אַר־בעטן וואָס וועלן פון איצט אָן דערשיינען אין בראָשור־פאָרם און — האָפנטלעך — צוזאַמענשטעלן אַ גאַנצן באַנד, פון וועלכן מיר מאַכן נאָר דעם ערשטן אָנהייב.

די פאָרשונג־אַרבעט פון דוד קלעמענטינאָווסקי, „די חובבי ציון און דער אָנהייב פון פּאָליטישן ציוניזם אין ביאַליסטאָק", האָט אין זיך אַ סך יענע נאָך ווייניק באַקאַנטע פּרטים און לאָקאַל־שטריכן, וואָס פאַרדינען באַגריסט צו ווערן פון יעדן היסטאָריקער פון די יידיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין מזרח־אייראָפּע. גענוג וועט זיין אָנצואווייזן אויף אַ פּאָרביישפּילן: 1) גענויערע אומ־שטענדן פון דער גרינדונג פון „חובבי ציון" אין ביאַליסטאָק און די נעמען פון די פּיאָנערן און ערשטע טוער פון דער חיבת ציון־באַוועגונג; 2) דער קאָ־כיקער וואַל־קאַמפּיין און די קאַנדידאַטור פון דעם ציוניסט, דר. יוסף מאָהי־

לעוװער אַלס דער „קרוין־ראַבינער" פון ביאַליסטאָק אויפן פּלאַץ פון פאַר־שטאָרבענעם ראַבינער מאיר מאַרקוס; 3) די צו װייניק באַקאַנטע ביאָגראַפיע פון לעאָן פּאַפּערין און זיין ראָלע אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער ציוניס־טישער באַװעגונג, און 4) די אָפענע און פאַרבאָרגענע סכסוכים צװישן דער אַל־טער פאָרם פון קהלהשער פירערשאַפט, פאַרקערפּערט אין דער תקיפישער גע־שטאַלט פון י. ב. װאָלקאָװיסקי, פון איין זייט, און די נייע, אויפקומענדיקע ציו־ניסטיש־געשטימטע פירער און װאָרטזאָגער פון דער ייִדישער ביאַליסטאָק אין סוף 19טן און אָנהייב 20טן י"ה, פון דער צװייטער זייט.

גראַד אָט־די קאָנפליקטן צװישן אַלט און ניי האָבן אין יענער תקופה זיך אָפּגעשפּילט ניט נאָר אין ביאַליסטאָק, גאַנץ געװיס; אָבער די לאָקאַל־אינדיװי־דועלע שטריכן, די ספּעציפיש ביאַליסטאָקער ניואַנסן און פּרטים, װעלן זיכער העלפן אַלעמען בעסער צו פאַרשטיין די שטורמיש־באַװעגטע תקופה פון פאַר 50־60 יאָר צוריק אויף װיפיל זי האָט באַרירט דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד ערב דער רעװאָלוציע פון 1904—1906.

און איבערגייענדיק טאַקע צו די רעװאָלוציאָנערע און סאָציאַלע באַװעגונגען אויף דער ייִדישער גאַס אין רוסלאַנד בכלל, און אין ביאַליסטאָק בפרט, דאַרף מען זאָגן, אַז פּונקט אַזוי װעזנטלעך און קאָלירפול איז די ריי װיכטיקע דעטאַלן און אַנדערע פּרטים װאָס קומען צום אויסדרוק אין די צװיי מעמואַריסטישע אַרבעטן פון אָט־דער בראָשור. דער פראַגמענט פון פאַרשטאָרבענעם דר. באַריס ציפּינס אויטאָביאָגראַפיע, װאָס מיר דרוקן דאָ, איז רייך אין פּרטים מכח דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט פון „בונד" אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט, און אויך מיט עפּיזאָדן און איבערלעבונגען פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן אין ביאַליסטאָק אין שטורמישסטן רעװאָלוציע יאָר, 1905. אָט די אַלע, אַזוי פּשוט און נאַטירלעך, פאַרצייכנטע היסטאָרישע איינצלהייטן װעלן, זיכער, מיטן גאַנג פון דער צייט, זייער װאָג און װערט נישט פאַרלירן; גיכער פאַרקערט — װאָס װייטער מיר גייען אָפּ פון יענער צייט, מיט קרוב אַ האַלב־יאָרהונדערט צוריק — אַלץ קלענער און שיטערער װערט דער קרייז פון יענע מענער און פרויען, װאָס האָבן אליין דורכגעמאַכט און דורכגעליטן די פריידן און ליידן פון יענע אומ־פאַרגעסלעכע פאַר זיי קאַמפן.

אויך דער מעמואַריסטישער אַרטיקל פון פּר. בנימין שטופּלער איז היסטאָ־ריש װערטפול און אינטערעסאַנט. ער גיט אונדז קאָנדענסירטע פּען־בילדער פון די מערסטנס שוין פאַרשטאָרבענע פירער און בויער פון דער רעװאָלוציאָנער־אַנאַרכיסטישער באַװעגונג אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן, װאָס אויף איין היסטאָרישן דעטאַל פון דעם אַלגעמיינעם בילד איז כדאי זיך אָפּצושטעלן. פון לאַנג איז שוין באַקאַנט, אַז גראַד אין אָט־דער באַװעגונג, װי אויך אין אַנדערע ראַדיקאַלע שטרע־מונגען, האָבן זיך פאַראייניקט צװיי אַנטקעגנגעזעצטע סאָציאַלע שיכטן — קינדער פון די אָרימסטע משפחות פון דער פאָלקס־מאַסע און אויך זין און טעכטער (די שטודירנדיקע יוגנט, מערסטנס) פון דער סאָציאַל העכערער שיכט אין דער

אידישער געזעלשאַפט. מ׳וויסט נאָך אָבער צו וויניק, ווי אַזוי די צווישנבאַצי־אונגען פון אַט־די צוויי עלעמענטן אין דער באַוועגונג אין נאָמען פון שטאַטלאָזן אידעאַל (אַנאַרכיזם) האָבן זיך אויסגעפאָרמט, און אויף וועלכן אופן און וועג אַט־דער קאָנפליקט פון צוויי פאָלקס־גרופן, מיט פאַרשידענע סאָציאַלע הינטער־גרונטן און אידעאָלאָגישע איינשטעלונגען, האָט משפיע געווען דעם גאַנג און גורל פון דער באַוועגונג גופא. אַ געוויסן ליכט אין אַט־דער אומקלאָרער ביז איצט פראַגע טראָגט מיט זיך אַריין דאָס בלעטל זכרונות פון פר. שטופלער.

מיט אַלע דריי איצטיקע אַרבעטן דינען מיר אונדזער אייגענער צייט, וועל־כע איז נאָך אַזוי אינטים און לעבעדיק, ד. ה. אָרגאַניש, פאַרבונדן מיט די אור־קוואַלן פון אַלע מאָדערנע פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס ביי יידן, און אויך — דער צוקונפט. מיר שטרעבן אַריינטראָגן ליכט און קלאָרקייט אין וויכטיקע טיילן פון דער רעגיאָנאַלער ביאַליסטאָקער יידישער געשיכטע. דאָס איז איינס. און, צווייטנס, מיר זוכן צוזאַמענצוברענגען בוישטיינער פאַרן גרויסן בנין פון דער מזרח־אייראָפּעאישער יידישער געשיכטע, און קודם־כל — צו דער געשיכ־טע פון די געזעלשאַפטלעכע, סיי נאַציאָנאַלע, סיי סאָציאַלע, באַוועגונגען אויף דער יידישער פאָלקס־גאַס.

די חובבי ציון און דער אָנהייב פון פּאָליטישן ציוניזם אין ביאַליסטאָק

• פון דוד קלעמענטינאָווסקי

ווי אַזוי עס איז געגרינדעט געוואָרן די „חובבי ציון" אין ביאַליסטאָק

אונטער דער השפּעה פון מאָנאַטלעכן זשורנאַל „השחר" וואָס איז דער־שינען אין וויען 1868—1888 אונטער דער רעדאַקציע פון פּרץ סמאָלענסקין און פון וואָכנבלאַט „המגיד"[1], וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן פון דוד גאָרדאָן, האָבן זיך עטלעכע יונגע משכילים אין ביאַליסטאָק אַרומגעטראָגן אין אָנהייב די 80ער יאָרן מיטן געדאַנק צו טאָן עפּעס ממשותדיקעס פאַרן ישוב ארץ ישראל.

דיביידע זשורנאַלן האָבן ניט אויפגעהערט צו שטורמען די יידישע וועלט אין אויסלאַנד מיט פייערדיקע אַרטיקלען, פאָדערנדיק פון די חברות און קאָמי־טעטן, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין די יאָרן 1880—1881 צו שטיצן די עמי־גראַנטן וואָס זיינען נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד געלאָפן קיין אַמעריקע און אַרגענטינע, אַז זיי זאָלן פאַרווענדן זייערע געלטער אויף צו באַזעצן יידן אין ארץ ישראל.

די צוויי דערמאָנטע העברעאישע צייטשריפטן זיינען געווען פאַרבאָטן אין רוסלאַנד. מ'האָט זיי ניט געטאָרט אַריינפירן פון אויסלאַנד. דער „המליץ" און דער „וואָסכאָד" ווידער, וועלכע פלעגן דערשיינען אין פּעטערבורג האָבן זיך צו יענער צייט נאָך ניט געוואָלט פאַרנעמען מיט אַזעלכע „אומוויכטיקע ענינים". ביאַליסטאָק איז אָבער געשטאַנען אין נאָענטע געשעפטלעכע באַציאונגען און פאַרבינדונגען מיט דייטשלאַנד. יעקב סאַפּירשטיין, שפּעטערדיקער גרינדער און אַרויסגעבער פון „מאָרגען זשורנאַל" אין אַמעריקע, פלעגט אָפט פאָרן צוליב זיין פאָטערס געשעפטן פון ביאַליסטאָק קיין קעניגסבערג און איטליכס מאָל אָפּשטייגן אין ליק צו דוד גאָרדאָן. פלעגט ער דורכשמוגלען אָפט דעם „השחר" און דעם „המגיד" איבער דער גרעניץ און אויך ברענגען פאַרטרוילעכע ידיעות וועגן דעם, וואָס עס ווערט פּראַקטיש אונטערגענומען פאַרן רעיון פון ישוב ארץ ישראל.

---

1. „המגיד" איז געווען די ערשטע העברעאישע וואָכנשריפט און פלעגט אַרויסגיין אין ליק (מזרח־פּרייסן), נאָענט צום רוסישן גרעניץ, כדי לייכטער אַריינצוקומען אין רוסלאַנד. זי האָט עקזיסטירט פון 1856 ביז 1890. פון 1879 ביז 1886 איז זי דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון דוד גאָרדאָן.

אונטער דער דאָזיקער השפעה האָט דער דענסטמאָל יונגער העברעאישער לערער, שפּעטער דער גרויסער משורר, מנחם מענדל דאָליצקי [2], פּאַרעפנטלעכט סוף 1881 און אָנהייב 1882 אין „המליץ" זיינע צוויי אַרטיקלען: „וירושלים תעלה על לבבכם" און „למען ציון לא אחשה", אַרום וועלכע עס האָט זיך דענסטמאָל אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע אין דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד, אין „המליץ" און „וואָסכאָד". דער געדאַנק פון יידישער רענעסאַנס האָט אָנגעהייבן אַריינצודרינגען אין די מוחות און אין באַוואוסטזיין פון רוסישן יידנטום. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַפילו דאָ און דאָרט און אויך ביי אונדז אין ביאַליסטאָק צו בילדן אגודות און גרופּעס אויף צו קויפן ערד אין א"י און זיך צו באַזעצן דאָרט. דאָס איז אָבער נאָך געווען ווייט פון אַ פאָלקס באַוועגונג.

שבועות תרמ"ב (1882) האָט אַ גרופּע יונגע משכילים: דן לעווין, צבי הירש ליבערמאַן, שלום מירקין, יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי, און יעקב סאַפּירשטיין, גייענדיק שפּאַצירן אין שטאָטישן וואַלד „זווערינעץ", אַרומגערעדט די לעצטע ידיעות פון „המגיד" און באַשלאָסן צו גרינדן אַ חברה פאַר ארץ ישראל. גערעדט און געטאָן.

מוצאי שבועות תרמ"ב (1882) זיינען זיך צונויפגעקומען ביי יעקב סאַפּירשטיין אין הויז איפּן שולהויף עטלעכע און צוואַנציק פּערזאָנען און עס איז געגרינדעט געוואָרן די חברה פאַר ישוב ארץ ישראל אונטערן נאָמען „חובבי ציון". די היסטאָרישע געשעעניש איז פּראָטאָקאָלירט געוואָרן. דער פּראָטאָקאָל איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון די פּערזאָנען (לויטן סדר פון זייערע חתימות):

יוסף בנימין קרינסקי, צבי הירש ליבערמאַן, דר. יוסף כאַזאַנאָוויטש, יעקב אלתר סאַפּירשטיין, פּסח וויטענבערג, יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי, קלמן פּיקוס, שבתי רודקאָווסקי, חיים מאַרגאָליס, יהודה יוסף יעלין, יחיאל גאָלדשטיין, אברהם לייבאָוויטש, מנחם מענדל קרעטשמער, יצחק יאפּע, ישראל חיים שטימער, בן ציון ליפשיץ, דן לעווין, ליפּא קאַגאַנאָוויטש (באַדאַנעס), צבי יהודה ברײנסקי, שמחה בונים הלוי איש הורוויץ [3].

די צווייטע אסיפה, אַסך אַ גרעסערע, איז שוין פאָרגעקומען ביי דר. כאַזאַנאָוויטש אין שטוב, וואו מ'האָט אויסגעקליבן גבאים: דר. כאַזאַנאָוויטש, ראַבינער מאיר מאַרקוס, יעקב וואָלף, ברוך פריידענבערג, אהרן יהושע שאַפּיראָ, ניאָניע גאָלדשטיין, און בן ציון ליפשיץ.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט די חברה שוין געציילט עטלעכע הונדערט חברים, ס'רוב וועבערס מיט שמואל שטורמאַן בראש.

---

2. וועלוול דעם שוחט'ס זון, געבוירן אין ביאַליסטאָק, 1856, געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס, 1931.

3. דעם פּראָטאָקאָל מיט די אונטערשריפטן אין אָריגינאַל האָט י. ה. קלעמענטינאָווסקי איבערגעגעבן צו דעם זאַמלער פון די היסטאָרישע אַנטיקן דר. שוואַדראַן, וועלכער האָט געוויילט אין ביאַליסטאָק, 1928—1929. דר. שוואַדראַן האָט אָרגאַניזירט אַ קאָלעקציע פון היסטאָרישע דאָקומענטן און כתב־ידן פון באַרימטע יידן פאַר דער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים.

אין דער זעלבער צייט זיינען אַזעלכע „חובבי ציון" גרופּעס אַנטשטאַנען אין אַנדערע שטעט. עס איז שווער פעסטצושטעלן צי די ביאַליסטאָקער חברה איז געווען די ערשטע. זיכער איז זי געווען צווישן די ערשטע. זי האָט פון איר זייט דורך געהיימע צירקולאַרן און רעדנערס, געגרינדעט נייע חברות אין די נאָענטע שטעט און שטעטלעך.

די השפעה פון די ביאַליסטאָקער „חובבי ציון"

אין ביאַליסטאָק גופא האָט זיך די גרופּע פאַרגרעסערט און איר אַרבעט פאַרברייטערט פון טאָג צו טאָג. דער אָנזען פון די „חובבי ציון" איז געשטיגן און זיי האָבן ביסלעכווייז אָנגעהייבן אַריינמישן זיך אין קהלשע ענינים. זייער



יעקב סאַפּירשטיין
(1854—1914)

יהושע־העשל קלעמענטינאָווסקי
(1855—1941)

השפעה איז אין משך פון אַ קורצער צייט אַזוי געוואַקסן, אַז ר' שמואל מאָהי־לעווער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ רב אין ביאַליסטאָק נאָר אַדאַנק די „חובבי ציון".

אין זיין בראָשור „פון ביאַליסטאָק ביז באַזעל" (זכרונות פון דער חיבת ציון באַוועגונג), גיט יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי [4] אַ גענויע באַשרייבונג פון דעם,

4. פאַרעפנטלעכט אין ביאַליסטאָק אין תרצ"א (1931) דורכן קאָמיטעט צו פייערן דעם 50 יאָריקן יובל פון „חובבי ציון". פון דאָרט נעמען מיר די דערמאָנטע רשימה פון די גרינ־דער פון חובבי ציון אין ביאַליסטאָק.

י. ה. קלעמענטינאָווסקי, געבוירן 1855, געשטאָרבן 1941 אין ביאַליסטאָקער געטאָ, איז דער פאָטער פון דוד קלעמענטינאָווסקי.

ווי אַזוי ר׳ שמואל מאָהילעווער האָט באַקומען דעם כסא הרבנות אין ביאַליסטאָק.

„מיט דער גרינדונג פון דער חברה „חובבי ציון" האָט זיך אָנגעהייבן די דעמאָקראַטיזאַציע פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין שטאָט. מיר האָבן אָנגעהויבן וואַרפן אַן אויג אין אַלע קהלשע אַנשטאַלטן און חברות. אויף אסיפות האָבן מיר געפאָדערט אַ חשבון פון געלטער און מעשים... מ׳האָט זיך אָנגעהייבן רעכענען מיט דער אָרגאַניזירטער מאַסע פון דער חברה „חובבי ציון".

אַזוי איז אויך געשען מיט דער רבנות פראַגע אין שטאָט.

אין יאָר תרמ״ב (1882) איז דערוועקט געוואָרן די פראַגע פון צו נעמען אַ רב אין ביאַליסטאָק. אַ קאַנדידאַט איז געווען דער זאַגערער רב, נאָר ער האָט געהאַט קעגן זיך אַ גרויסן קעגנערישן צד. די חובבי ציון אָנערקענענדיק, אַז בכדי דער רעיון פון ישוב ארץ ישראל זאָל אַריינדרינגען צווישן אַלע יידישע שיכטן און ווערן אַ פאָלקס־באַוועגונג, פאָדערט זיך, אַז אין דער שפּיץ פון קהל זאָל שטיין אַ פּערזאָן מיט אַ נאָמען. און האָבנדיק די ידיעות, אַז דער ראַדאָמער רב הגאון ר׳ שמואל מאָהילעווער, וועלכער האָט בשעתו אין בראָד אָנטייל גענומען אין דער אַרבעט פון רעגולירן די עמיגראַציע פון די רוסישע יידן, באַמיט זיך זייער שטאַרק ביי די אויסלענדישע יידן צו באַזעצן אַ טייל עמיגראַנטן אין א״י, האָבן זיי, די חובבי ציון, אויף אַ שטאַטישער אסיפה אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג צו זעצן אויף דעם ליידיקן חשובן כסא הרבנות אין ביאַליסטאָק דעם ראַדאָמער רב הגאון ר׳ שמואל מאָהילעווער.

זיי האָבן תיכף דורך ר׳ יעקב באַכראַך זיך געווענדעט צו ר׳ שמואלן מיט אַ בריוו, וואו זיי בעטן אים, אַז פאַרנדיק אַהיים פון בראָד, זאָל ער אַריינפאָרן קיין ביאַליסטאָק וועגן ענין ישוב ארץ ישראל. ר׳ שמואל אויף זיין וועג פון בראָד האָט אָפּגעשטיגן אין וואַרשע, געגרינדעט דאָרט אַ חברה ישוב ארץ ישראל און געקומען קיין ביאַליסטאָק. ער האָט איינגעלאַדן אַלע היגע גבירים מיט וואָלקאָוויסקין בראש און מ׳האָט אָפּגערעדט צונויפרופן אַ גרויסע אסיפה וועגן ישוב א״י. אַ טאָג פאַר דער אסיפה איז צו אים אין מאַקאָווער׳ס האָטעל געקומען דער זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק און געבעטן ער זאָל תיכף אָפּפאָרן פון ביאַליסטאָק. ר׳ שמואל איז אַוועקגעפאָרן און די אסיפה איז במילא ניט פאָרגעקומען. פאַשטייט זיך אַז דער צד פון ר׳ שמואלן האָט די דאָזיקע גזירה פון תיכפדיקן אָפּפאָר אויסגענוצט און מ׳האָט אָנגעהייבן צו פירן אַן אַגיטאַציע אין די בתי מדרשים און שטיבלאַך ביז עס איז צונויפגערופן געוואָרן חוה״מ־ס תרמ״ג (1882) אַ גרויסע אסיפה פון פאָרשטייערס פון בתי מדרשים אויף וועלכער עס זיינען געווען אַלע שטאָט־מנהיגים אַחוץ יחיאל בער וואָלקאָוויסקי, חיים בער זאַקהיים און סענדער מירצעס (מעדאָוויק). די קאַנדידאַטור פון זאַגערער רב איז דורכגעפאַלן (אויך ר׳ חיים הערץ׳ס צד איז געווען קעגן אים) און ר׳ שמואל מאָהילעווער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב מיט אַ געוואַלדיקער מערהייט. באַלד איז אויפגעשריבן און געחתמעט געוואָרן דער כתב הרבנות. אַז מ׳איז אויף מאָרגן געקומען צו וואָלקאָוויסקין ער זאָל אונטערשרייבן, האָט

ער לכתחילה ניט געוואָלט, נאָר אויס מורא מ'זאָל ניט זאָגן אויף אים, אַז ער האָט עס געשיקט דעם זשאַנדאַרם־פּאָלקאָווניק, האָט ער אונטערגעשריבן און נאָך אים די אַנדערע צוויי שטאָט־פּירערס. דער נצחון איז געווען אומגעהויער גרויס און דאָס אַדאַנק דער אַגיטאַציע און השפּעה פון די „חובבי ציון".



מרדכי דינוביץ
(1842—1927)



דניאל ליפשיץ
(1850—1915)

עטלעכע פאַרמעגלעכע אידעאַליסטן אין ביאַליסטאָק האָבן זיך צו יענער צייט גרופּירט צו פאָרן קיין א"י: דניאל ליפשיץ, מרדכי דינאָוויטש (סופר), אלחנן בולקין, דוב ליפשיץ (זאַבלודאָווע)[5], משה באָדאַנעס, לאַמפּערט, סוכאָ־וואָלסקי און אַנדערע[6]. זיי זיינען שפּעטער אונטערשטיצט געוואָרן פון דער חברה.

5. די פיר ביאַליסטאָקער זיינען באַשריבן אַלס ערשטע בויער פון „פתח תקוה" אין „ספר היובל — פתח תקוה", תולדות המושבה העברית הראשונה בא"י. אַרויסגעגעבן פון שטאָט־ראַט פון פתח תקוה אין 1929.

זען אויך „גבורת ראשונים" תולדות יסוד פתח תקוה ומיסדיה, פון א. מ. חריזמן, אַרויס־געגעבן ירושלים, תש"ו.

6. זען אויך פנקס ביאַליסטאָק, ב' 1, ז' 390, הערה 2.

מיטן אָנקומען פון ר׳ שמואל מאָהילעווער אין ביאַליסטאָק איז די חברה „חובבי ציון״ געוואָרן דער מיטלפונקט פון דער באַוועגונג. מאָהילעווער האָט גלייך נאָך זיין אָנקומען אין 1883 געמאַכט זיין צווייטע נסיעה קיין פּאַריז צום באַראָן ראָטשילד, איצט שוין אין נאָמען פון די אָרגאַניזירטע „חובבי ציון״ און געפועלט ביי אים צו מאַכן אַ פּרואוו מיט באַזעצן יידן אין א״י. קומענדיק צוריק פון דער רייזע האָט ער אַרויסגערופן פון דייטשלאַנד דעם רעדאַקטאָר פון וואָכן־זשורנאַל „הלבנון״ — יחיאל בריל. בריל האָט אויסגעקליבן אין רוזשינאַי (אַ שטעטל אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן, ניט ווייט פון סלאָנים) עטלעכע גוטע ערד אַרבעטער און זיי באַזעצט אין א״י אויף דעם באָדן וואָס ראָטשילד האָט געקויפט. אַזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניע „עקרון״. דעם זעלבן יאָר האָט ר׳ שמואל מאָהילעווער געמאַכט אַן אַגיטאַציע רייזע קיין פּעטערבורג, מאָסקווע, ווילנע און מינסק פאַרן געדאַנק פון ישוב א״י. ביי אָט־דער רייזע האָט אים באַגלייט י. ה. קלעמענטינאָווסקי.

יעקב סאָפּירשטיין און י. ה. קלעמענטינאָווסקי האָבן געהאַט אַ פּלאַן צו פאָרן קיין א״י און עפענען דאָרט אַ דרוקעריי. סאָפּירשטיין האָט געהאַט גרויסע ידיעות אין דרוק־וועזן. קלעמענטינאָווסקי איז אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע זיך צו לערנען זעצעריי, אַ פאַך וואָס איז דענסטמאָל געווען אין א״י ניט בנמצא. ער איז אָנגעקומען דאָרט צו יצחק גאָלדמאַן אין דער דרוקעריי. אין דער צווישנצייט האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז סאָפּירשטיין האָט געדאַרפט אָפּפאָרן קיין אַמעריקע [7]. פון דעם פּלאַן צו פאָרן קיין א״י איז גאָרניט געוואָרן. קלעמענטינאָווסקיס זיין אין וואַרשע איז דערווייל אויסגענוצט געוואָרן פון די דאָרטיקע חובבי ציון. ער האָט זיך דאָרט באַקאַנט מיט שאול פּנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר) דעם רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון „כנסת ישראל״. פון אים האָט ער זיך דערוואוסט אַז די חברה ישוב ארץ ישראל וואָס ר׳ שמואל מ. האָט געגרינדעט אין יאָר 1882 פאַרבייפאָרנדיק וואַרשע איז כמעט ווי צעפאַלן און מ׳דאַרף איר פונדאַסניי אויפבויען.

אויף אַ פאַרזאַמלונג ביי יעקב ברודע אין הויז, וואו עס זיינען געווען דר. ל. זאַמענהאָף, ישראל יאַסינאָווסקי, י. מאירזאָן, לעוויטע א״אַנד. האָט י. ה. קלעמענטינאָווסקי ווידער אויפגעלעבט און אָוועקגעשטעלט אויף די פיס די חברה. סעקרעטאַר איז דענסטמאָל געוואָרן שפ״ר און זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די ביאַליסטאָקער חובבי ציון. מיט דער הסכמה פון ר׳ שמואל מ. האָט שפ״ר אָנגעהייבן אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ מיט די חובבי ציון פון די אַנדערע גרויסע שטעט כדי צו רופן אַ קאָנפערענץ און שאַפן אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט.

אין חשון תרמ״ה (1884) איז אין קאַטאָוויץ (שלעזיע, פּרייסן) פאָרגעקומען

7. ער האָט אין אַמעריקע אין 1901 געגרינדעט און אַרויסגעגעבן דעם „מאָרגן־זשורנאַל״, געשטאָרבן אין 1914.

קאַטאָוויצער אסיפה אין 1884

1. קלמן זאב וויסאָצקי, מאָסקווע; 2. לייב קליוואנסקי, קאָוונע; 3.דוד גאָרדאָן, ליק; 4. ר׳ שמואל מאָהילעווער, ביאַליסטאָק; 5. דר. לעאָן פינסקער, אָדעס; 6. ר׳ דוד פרידמאַן, קארלין; 7. אַלעקסאַנדער צעדערבוים, פעטערבורג; 8. דר. ישראל מיכל ראַבינאָוויטש, פּריס; 9. יעקב דיכס, כאַרקאָוו; 10 שאול פּנחס ראַבינאָוויטש (שפ״ר), וואַרשע; 11. דר. יוסף כאַזאַנאָוויטש, ביאַליסטאָק; 12. ישראל יאַסינאָווסקי, וואַרשע; 13. לייב שאַליט, ריגע; 14. דר. דריבאַנאָוויטש, ראָס־טאָוו־דאָן; 15.זאב־וואָלף לונץ, ריגע; 16. קלמן וואלרויך, לאָנדאָן; 17. יעקב משה מאירסאָן, וואַרשע; 18. לייבוש דאווידסאָן, וואַרשע; 19. לעווינגער, קאַטאָוויץ; 20. ש. פרידלענדער, קאַטאָוויץ; 21. ברוך פריידענבערג, ביאַליסטאָק; 22. זעליג פרייטאל, קאטאָוויץ; 23. מ. מאָזעס, קאַטאָוויץ; 24. בנימין ריטענבערג, וואַרשע; 25. פישל פּינעס, ראָזשינאָי; 26. כתריאל־צבי מירקין, פּאָלטאַווע.

די ערשטע קאָנפערענץ פון די חובבי ציון[8]. ווארשע איז דענסטמאָל באַשטימט געוואָרן פאַרן צענטער פון דער אַלוועלטלעכער חובבי ציון באַוועגונג.

הגם דער הויפט־צענטער איז געווען ווארשע, האָט מען פונדעסטוועגן קיין זאַך ניט געטאָן אָן דעם וויסן און דער צושטימונג פון ביאַליסטאָקער חברה „חובבי ציון", וועלכע האָט זיך דאַך גערעכנט פאַר דעם וויכטיקסטן זייל פון דער באַוועגונג צוליב ר' שמואל מאָהילעווער. דער אויספירנדיקער אָרגאַן איז אָבער געווען ווארשע, וואו גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען ש. פּ. ראַבינאָוויטש, און יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט.

אין דעם זעלביקן יאָר איז אָנגעקומען אַ בריוו אין ווארשע פון די ביאַלי־סטאָקער חובבי ציון אונטערגעשריבן פון דר. כּאַזאַנאָוויטש, יעקב וואָלף, ראַ־בינער מאַרקוס, אהרן יהושע שפירא, ניאָניע גאָלדשטיין און א. ש. הערשבערג, מיט אַ בקשה צו י. ה. קלעמענטינאָווסקי, ער זאָל קומען קיין ביאַליסטאָק און איבערנעמען די לייטונג פון דער חברה. נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת האָט ער דעם פּאָסטן אָנגענומען.

ער האָט די חברה פון וועלכער ער איז געווען דער מיטאיניציאַטאָר און מיטגרינדער, ניט דערקאָנט. די אָנפירער זיינען געווען פול מיט פּערזענלעכע אַמביציעס און האָבן אָנגעטראָפן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט פון דער יוגנט, גרו־פּירט אין אַ חברה „דורשי ציון".

עס איז געלונגען קלעמענטינאָווסקין אָוועקצושטעלן די חברה אויף פעסטע יסודות. מען האָט פאַרשטאַנען אַז די השפעה אויף די מאַסן וועט זיין אָפּהענגיק פון דער קעגנוואַרט־אַרבעט, וואָס וועט געפירט ווערן און מען האָט אויף דער איניציאַטיוו פון דעם עסקן משה קרינסקי בעת דער לוויה פון מאיר שוחט, אין 1885 געשאַפן די וויכטיקע אינסטיטוציע, דעם לינת הצדק[9].

מיט דער גרינדונג פון דער חברה „לינת הצדק" האָט זיך די השפעה פון די „חובבי ציון" אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ביאַליסטאָק נאָך מער פאַרשטאַרקט. לינת הצדק איז דורך דער מעדיצינישער הילף, וואָס זי האָט געגעבן דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג און דורך די לינות (דאָס הייסט, דאָס נעכטיקן ביי קראַנקע און דערמיט געבן די געזונטע פאַמיליע־מיטגלידער, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג צו זאָרגן פאַרן קראַנקן, די מעגלעכקייט ביינאַכט זיך אָפּצורוען און אויסשלאָפן) געוואָרן זייער פּאָפּולער אין שטאָט. היות די גבאים פון חובבי ציון זיינען אויך געוואָרן די גבאים פון לינת הצדק און די הויפט־פירונג פון לינת הצדק איז געלעגן אין די הענט פון באַליבטן

8. אויף דער קאַטאָוויצער אַסיפה זיינען געווען פון ביאַליסטאָק די דעלעגאַטן: ר' ש. מאָהילעווער, דר. יוסף כּאַזאַנאָוויטש און ברוך פריידענבערג (זען אויפן בילד די נומערן 4, 11 און 21).

9. פּרטים וועגן דער גרינדונג פון לינת הצדק זען אין „פנקס ביאַליסטאָק" באַנד 1, זייט 331.

אַרעסער צוזאַמענפאַר אין 1890

1. ר׳ שמואל מאָהילעווער, ביאַליסטאָק
2. דר. לעאָן פינסקער;
3. אברהם גרינבערג;
4. שלמה פרין;
5. מנשה מרגלית;
6. שמואל ברב״ש;
7. משה פישעראָוויטש;
8. אשר גינזבורג (אחד העם);
9. יעקב ליובאַרסקי;
10. יהושע אייזנשטאט (ברזילי);
11. מרדכי ראַבינאָוויטש (בן־עמי);
12. ירחמיאל שטאַרקמאַט;
13. געצל טובין;
14. פיטקיס (אַלע פון 2 ביז 14 פון אָדעס);
15. לייב אמצילאָווסקי, פּאָלטאַווע;
16. חיים עטינגער, מעזעריטש;
17. משה בערלין, דינאַבורג;
18. שלום ראַבינאָוויטש (שלום־עליכם), קיעוו;
19. מרדכי פּאַדובאַ, בריסק;
20. מ. ל. ליליענבלום, אָדעס;
21. אַלעקסאַנדער הלוי צעדערבוים, פּעטערבורג;
22. מרדכי פּאָלינקאָווסקי, קיעוו;
23. דר. יעקב כהן־ בערנשטיין, קישינעוו;
24. אברהם־אליהו ליובאַרסקי, באַלטי;
25. דר. יוסף כאַזאַנאָוויטש, ביאַליסטאָק;
26. אייזיק בן־טובים, ביאַליסטאָק;
27. דוב־בער ירוחמסאָן, שדה לבן;
28. וואָלף ווילענסקי קרעמענטשוג;
29. ל. בריסקין, שדה לבן;
30. יהודה־לייב בערגער, פּינסק;
31. ראובן שוכמאַן, ניקאָלאַיעוו;
32. נחום ראַטמאַן, קישינעוו;

33. אליהו־זאב לעווין־עפּשטיין, וואַרשע; 34. אליעזר קאַפּלאַן, וואַרשע; 35 נח בלאָך, ווילנע; 36. ישעיה ברייטמאַן; 37. ח״א גאַראָדישטיאַן, קישינעוו; 38. משה קאַמיאַנסקי, וויניצע; 39. מרדכי בן הלל הכהן, האָמעל; 40. זאב בערמאַן, פּעטערבורג; 41. ח״א מושקאַט, בריסק; 42. שלמה בערליאַנד, קישינעוו; 43. צבי־לייב קאַצמאַן, כאַרקאָוו; 44. אברהם האַרקאַווי, יעקאַטערינאָסלאַוו; 45. יעקב בן־יעקב, ווילנע; 46. ישראל יאַסינאָווסקי, וואַרשע; 47. זאב טיאָמקין, יעליסאַוועטגראַד; 48. נח ליפשיץ, קישינעוו; 49. חיים פּאַסטערנאַק, באָגאָפּאָל; 50. מיכל מאַידאַנסקי, יעקאַטערינאָסלאַוו; 51. יהושע סירקין, מינסק; 52. יעקב בן ישעיה מאַזע״ה, מאָסקווע; 53. חיים טשעריקאָווער, פּאָלטאַווע; 54. א. פּערל, יעקאַטערינאָסלאַוו; 55. ג. באַזלינסקי, יעליסאַוועטגראַד; 56 ש״ב טאַרטאַקאָווסקי, טשערקאַסי; 57. מ. אוסישקין, מאָסקווע.

און זייער פּאָפּולערן ד״ר יוסף כאַזאַנאָוויטש, זיינעןביידע חברות געוואָרן אמתע דעמאָקראַטישע צענטערס וואָס האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקע מאָראַלישע און גייסטיקע השפּעה אויף דער גאַנצער ביאַליסטאָקער קהילה. ביידע חברות זיינען געווען פון אָנהייב אומלעגאַל און האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אונטער אַ מאַנטל פון אַ רעליגיעזער שול „אוהל משה״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אויפן נאָמען פון משה מאָנטעפיאָרע, וואָס גראָד אין 1885 איז אויסגעפאַלן זיין הונדערטסטער געבורטסטאָג. דאָרט האָבן די ביידע חברות אָפּגעהאַלטן זייערע אסיפות. דאָרט איז געווען דער צענטער, פון וואַנען זיי האָבן אַנטוויקלט זייער נאַציאָנאַל־קולטורעלע און גלייכצייטיק אויך פילאַנטראָפּיש־סאָציאַלע אַרבעט.

ווען עס זיינען אין די רייען פון די חובבי ציון־חברות אויסגעבראָכן סכסוכים און דער צענטער אין וואַרשע האָט זיך אויפגעלייזט, האָט ביאַליסטאָק ווידער איבערגענומען צייטווייליק די גאַנצע צענטראַלע אַר־בעט, וואָס איז פאַקטיש געפירט געוואָרן פון ר׳ יצחק ניסנבוים, דעם דעמאָלטיקן פּערזענלעכן סעקרעטאַר פון ר׳ שמואל מאָהילעווער. שפּעטער איז אין דרוס־קעניק פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע אסיפה פון די „חובבי ציון״־חברות, וואו אָדעס איז באַשטימט געוואָרן ווי דער צענטער פון די „חובבי ציון״. דער פאָרזיצער פון צענטער איז געוואָרן ד״ר לעאָן פּינסקער און גענעראַל־סעק־רעטאַר — משה לייב ליליענבלום.

אין 1890 איז די „חובבי ציון״ אָרגאַניזאַציע לעגאַליזירט געוואָרן אין רוסלאַנד אונטערן נאָמען: „חברה צו שטיצן יידישע ערד אַרבעטער אין סיריע און פּאַלעסטינע״ מיט דעם צענטראַלן זיץ־אָרט אין אָדעס.

אויף דער ערשטער אסיפה אין אָדעס אין 1890 זיינען פון ביאַליסטאָק געווען די דעלעגאַטן ר׳ שמואל מאָהילעווער (נומ׳ 1 אויפן בילד), ד״ר יוסף כאַזאַנאָוויטש (נומ׳ 25 מיט דער טערקישער פעסקע) און יצחק־אייזיק בן־טובים—בנדט (נומ׳ 26 אויפן בילד) [10]. נאָך דער אָדעסער קאָנפערענץ זיינען זיי אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל, כדי צו זען דאָרט די ערשטע יידישע קאָלאָניעס.

ביאַליסטאָק און דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס

ווען עס איז אין 1896 דערשינען דער „יודן־שטאַט״ פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, האָט אים ר׳ שמואל מאָהילעווער ניט צוגעגעבן קיין באַזונדער באַדייט. ד״ר הערצל איז פאַר אים געווען אַ שרייבער, אַ שריפטשטעלער, אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס איז בכוח מיט זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט אָנצושרייבן אַ ביכל, שילדערן אַ חלום. דערביי ווייסט ער, הערצל, דאָך זייער ווייניק פון דעם וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער וועלט. ווען ר׳ שמואל מאָהילעווער האָט אָבער באַקומען

10. יצחק־אייזיק בן טובים (בנדט), געב׳ 1852, געשטאָרבן 1926 אין ירושלים, איז געווען דער זון פון שלמה־זלמן בענדעט, ראַבינער אין ביאַליסטאָק פון 1862 ביז 1868.

בריוו און ידיעות פון וויק, אין וועלכע מען האָט אים גענויער געשילדערט די פּערזענלעכקייט פון ד"ר הערצל און ווי אַזוי עס איז אים, הערצלען, געלונגען צו געווינען אויף זיין זייט ד"ר מאַקס נאָרדוי, האָט דער גרויסער פּיאָנער פון דער „חובבי ציון" באַוועגונג, ר' שמואל מאָהילעווער זיך אָנגעהייבן באַציען צו הערצלען און צו זיין אידייע אַ סך ערנסטער.

ד"ר יוסף מאָהילעווער (1872—1943), ר' שמואלס אייניקל, דערציילט אין אַן אַרטיקל אין „ספר הקונגרס"[11] וועגן אַ שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין זיידן אין 1896, אַ יאָר פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען ער איז געווען מיט אים אין קראַנץ (אַ ים־קוראָרט אין מזרח־פּרייסן).

ד"ר יוסף מאָהילעווער
(1872—1943)

„איך הייב אָן צו טראַכטן — האָט ר' שמואל מאָהילעווער געזאָגט — אַז אונדזער באַוועגונג, ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען וואָס זי האָט ביז איצט געמאַכט, גייט צו פּאַמעלעך. כדי צו פאַרשנעלערן אירע טריט און פאַר־גרעסערן איר איינפלוס מוז מען זען, אַז זי זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע פאָלק. דערצו דאַרפן מיר האָבן גרויסע אויפטוען, שטאַרקע לאָזונגען, וואָס זאָלן צו־ציען סיי דאָס פּשוטע פאָלק, סיי די גבירים און איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייטן. מיר דוכט, אַז ווען איצט שטייט אויף צווישן אונדז איינער פון אונדזערע

11. דער „ספר הקונגרס" איז דערשינען אין ירושלים אין יאָר תש"י (1950) אונטער דער רעדאַקציע פון ל. יפה ז"ל. בנימין יפה, דער זון פון ל. יפה, האָט רעדאַגירט אַ גרויסן טייל פון דעם בוך, וועלכן זיין פאָטער האָט ניט מער באַוויזן צו רעדאַגירן.

מערב־אייראָפּעאישע ברידער און ער גיט זיך אָפּ מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה פאַר אונדזער אידייע, וואָלט ער געקענט אויפטאָן גרויסע זאַכן און דערגרייכן געוואַלטיקע רעזולטאַטן״.

דער ערשטער בריוו וואָס ר׳ שמואל מאָהילעווער האָט באַקומען פון דער ציוניסטישער אגודה אין ווין, אונטערגעשריבן פון ד״ר הערצל, ד״ר שנירער און ד״ר קאָקעש, איז געווען וועגן דער קאָלאָניע „משמר הירדן״ וואָס די „יקא״ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אונטערשטיצן; און וועגן דעם האָבן די חובבי־ציון זיך געווענדעט צו זייערע גרופּעס אין דער וועלט. פון יענער צייט הייבט זיך אָן אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן ר׳ שמואל מ. און ד״ר הערצל וועגן דעם, אַז ער, הערצל, האָט בדעה צו רופן אַ קאָנגרעס און אַז די רוסישע חובבי־ציון זאָלן זיך אין אים באַטייליקן[12].

ווען ד״ר שנירער איז געקומען קיין ביאַליסטאָק אין מאַי־יוני 1897 און געבעטן מאָהילעווערן אין נאָמען פון ד״ר הערצל צו קומען צום קאָנגרעס, איז ר׳ שמואל מאָהילעווער ניט מער געווען פּרינציפּיעל קעגן דעם. ווען ער האָט שפּעטער באַקומען אַ בריוו פון ד״ר הערצל מיט אַ פּערזענלעכער איינ־לאַדונג צום קאָנגרעס, האָט מאָהילעווער די איינלאַדונג אָנגענומען, וועגן וואָס עס איז עפנטלעך באַקאַנט געמאַכט געוואָרן אין דעם אָפיציעלן ציוניסטישן זשורנאַל „די וועלט״. דער שוואַכער געזונט האָט אים אָבער ניט מער דער־לויבט אויסצופירן זיין באַשלוס. אויף ווי ווייט ר׳ שמואל מ. איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם קאָנגרעס, ווייזט דער פאַקט, אַז ווען ער איז בעת זיין קראַנקהייט געקומען אַביסל צו זיך, האָט ער אַ פרעג געטאָן: „וואָס הערט זיך עפּעס מכוח דעם קאָנגרעס?״

ד״ר יוסף מאָהילעווער איז דענסטמאָל געווען אין קעניגסבערג. האָט ער דערהאַלטן פון זיין זיידן אַ בריוו, אַז די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן צו פאָרן, און ער בעט אים, זיין אייניקל, צו פאָרן צום קאָנגרעס ווי זיין פאַרטרעטער. ער שיקט אים דערביי אַ ספּעציעלן בריוו צום קאָנגרעס.

דער בריוו, געשריבן אין העברעאיש, איז דורכגעלייענט געוואָרן פון דער קאָנגרעס־בימה. זיין אינהאַלט אין יידישער איבערזעצונג איז:

„כבוד אחי ואדוני הנעלים, רמי המעלה, ראשי עם סגולה, בני ציון היקרים יחיו לנצח.

מיין שוואַכער געזונט־צושטאַנד האָט מיר בשום אופן ניט דערלויבט צו קומען אַליין און שיק איך אייך אויף מיין אָרט מיין חשובן אייניקל, אַלס באַוויז, אַז מיין האַרץ איז מיט אייך. פון דער טיפעניש פון מיין האַרצן און מיין נשמה וועל איך בעטן גאָט פאַר אייער דערפאָלג, אַז איר זאָלט חלילה ניט געשטרויכלט ווערן מיט רייד קעגן אונדזער הייליקער תורה און קעגן דער רעגירונג, אַז איר זאָלט געפינען

12. ליטמאַן ראָזענטאַל דערציילט אין אַן אַרטיקל אין „ספר הקונגרס״, אַז אויך ער האָט באַקומען אַ בריוו פון ד״ר הערצל, ער זאָל ווירקן אויף ר׳ שמואל מאָהילעווער אין דעם זעלביקן ענין.

חן וחסד אין די אויגן פון די הערשער, ביי וועלכע איר וועט דאַרפן בעטן פאַר אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד...

איצט וועל איך מיר דערלויבן צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען צו די ענינים וואָס שטייען אויף דער טאָג־אָרדנונג:

א) אַלץ וואָס עס קומט פאַר אויפן קאָנגרעס זאָל געשען אין אַבסאָלוטער עפנטלעכקייט. אין די דעבאַטן און באַשלוסן זאָל גאָר ניט זיין, וואָס זאָל אויסדריקן אַ קעגנערשאַפט צו וואָס פאַר עס איז לאַנד און צו אונדזערע בירגערלעכע פליכטן. באַזונדערס זאָלן די אויפטועון פון קאָנגרעס זיין אין אַ אופן, וואָס זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר די חובבי־ציון אין רוסלאַנד און פאַר דער רוסישער רעגירונג. איך בין זיכער, אַז אויב עס וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן אַרויסזאָגן מיינונגען וועלכע זיינען ניט אין הסכם מיט דעם, וועלן זיי ניט האָבן קיין ממשותדיקעווירקונג און ניט געהערט ווערן.

איך וויל נאָך צוגעבן, אַז דער הויפּט־ציל פון קאָנגרעס דאַרף זיין אַ שטאַרקע און איינדרוקספולע אָנשטרענגונג פון אַלע אונדזערע כוחות צו ווירקן אויף דער טערקישער רעגירונג, זי זאָל דערלויבן אונדזערע פאָלקס־ברידער צו קויפן ערד און בויען הייזער אָן שטערונגען און באַגרענעצונגען.

ב) ווען דער קאָנגרעס וועט אויסקלייבן אַ מרכז (צענטער), וואָס זאָל פירן אונזער הייליקע אַרבעט, דאַרפן מיר זען, אַז די מענטשן זאָלן זיין איבערגעגעבן צו אונדזערע צילן מיט זייער האַרץ און נשמה.

ג) דער קאָנגרעס דאַרף זען, אַז די „בני ציון" (ציוניסטישע יוגנט), וואָס זייער האַרץ איז געטריי צו אונדזער אידייע זאָלן ווערן פון אונדז אויפגענומען מיט ליב־שאַפט און ברידערשאַפט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זיי האָבן אַנדערע מיינונגען אין ענינים, וואָס זיינען נוגע בין אדם למקום, אַפילו, ווען עס וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן זיי האַלטן פאַר אַפּקורסים און „פורצי גדר". ווען עס איז אַ שרפה אין הויז און אַלץ איז אין געפאַר, און עס וועט קומען איינער, וואָס וועט אייך וועלן העלפן, אָבער איז אין אייערע אויגן אַ „פורץ גדר", וועט איר אים דען ניט אויפנעמען מיט ליבע און דאַנק?

ד) די „בני ציון" דאַרפן אויך וויסן און גלויבן אין דעם, אַז „ישוב הארץ" באַדייט: קויפן ערד און בויען הייזער, פלאַנצן גערטנער און פאַרזייען פעלדער, און דאָס איז איינע פון די גרעסטע מצוות אין אונדזער תורה, וויל עס איז דער באַזיס פון קיום פון אונדזער פאָלק. דער וואָס ווייסט און גלויבט אין דעם איז אַן אמתער חובב ציון. אָן דעם גלויבן, איז ער נאָר ווי ער וואָלט וועלן אַלץ אָפּ־פטרן מיט אַ נדבה און יוצא זיין...

ה) דער יסוד פון חבת ציון איז אָפּצוהיטן אונדזער תורה, ווי זי איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור, אָן עפּעס אַראָפּצונעמען אָדער צוצוגעבן. איך וויל ניט שטראָפן אָדער מוסר זאָגן איינצלנע מענטשן אין זייער פירונג. איך זאָג עס נאָר אין אַלגעמיין, אַז אונדזער תורה, וואָס איז דער קוואַל פון אונדזער לעבן, דאַרף זיין דער יסוד פון אונדזער אויפלעבונג אין לאַנד פון אונדזערע אבות.

ו) מיר דאַרפן נאָר אויפבויען און פאַרפלאַנצן און ניט צו צעשטערן און דעריבער דאַרפן מיר חלילה ניט אָנרירן אין דער „חלוקה־אינסטיטוציע" אין ירושלים. דער לעבן פון אַ סך מענטשן איז אָפּהענגיק פון דער אינסטיטוציע, און כל זמן זיי האָבן ניט קיין אַנדער קוואַל פון פרנסה, דאַרפן מיר ניט אונטערגראָבן זייער חיונה.

ז) וועגן פאַרשפּרייטן אונדזער געדאַנק צווישן אונדזער פאָלק, דאַרפן מיר אַרויסשיקן גוטע רעדנערס אין אַלע לענדער פון גלות. אויך אָפּדרוקן פּאָפּולערע בראָשורן אין העבראַיש, יידיש און אין אַלע שפּראַכן, וואָס אונדזער פאָלק רעדט. עס איז אויך נייטיק אָפּצודרוקן אַ בראָשור אין רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש און איטאַליעניש, וואו עס זאָל אויפגעקלערט ווערן אונדזער אידייע און אונדזערע צילן אין אַ קלאָרן און וואַרעמען אופן. די בראָשור זאָל פאַרטיילט ווערן צווישן די גדולים פון אַלע פעלקער און אויך צווישן אונדזערע גדולים.

ח) וואָס איז שייך אונדזערע נאַציאָנאַלע פאָנדן דאַרפן מיר מיט אַלע אונדזערע כוחות ווירקן אויף די פירערס פון „יקא" אין פאַריז, אַז זיי זאָלן אָפּגעבן אַ גרויסן טייל פון זייער געלט, וואָס געפינט זיך אין זייער רשות, צום ישוב פון אונדזער הייליק לאַנד. דאָס זעלבע דאַרפן מיר אויך טאָן לגבי אונדזערע גבירים. מיר דאַרפן אויך באַשליסן, אַז אַ טייל פון דעם געלט, וואָס וועט געקליבן ווערן פאַרן ישוב הארץ, זאָל אָפּגעלייגט ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלער פאָנד (פאָלקס־פאָנד).

ט) מיין מיינונג איז, אַז דער קאָנגרעס זאָל שיקן אַ דאַנק־בריוו צו באַראָן עדמונד דע ראָטשילד. איז ער דאָך געוועזן דער ערשטער פון אונדזערע פאָלקס־ברידער זייט דעם חורבן, וואָס איז צוגעשטאַנען צו אונדזער אידייע און האָט שוין אויסגעגעבן פאַרן ישוב פון אונדזער לאַנד צענדליקער מיליאָנען פראַנקען, און ער איז גרייט נאָך מער צו טאָן פאַר דעם צוועק.

י) צום סוף וויל איך נאָך זאָגן צו מיינע פאָלקס־ברידער:

עס זיינען באַלד צוויי טויזנט יאָר, ווי מיר וואַרטן אויפן קומען פון משיח, וואָס זאָל אונדז אויסלייזן פון אונדזער ביטערן גלות און ברענגען אונדזערע אַרויס־געשטויסענע פון אַלע פיר עקן וועלט קיין ארץ ישראל. דער גלויבן אין דעם איז שטאַרק אין אונדזער האַרצן און איז אונדזער איינציקע טרייסט אין אונדזערע שווערע טעג. אין דעם לעצטן יאָרהונדערט האָבן פאַרשיידענע מענטשן צווישן אונדז אָפּגעלייקנט דעם דאָזיקן גלויבן און אויסגעמעקט די האָפענונג פון זייער האַרצן און אויך פון זייער סדור און פון זייערע געבעט־ביכער. אין דער לעצטער צייט האָבן זיך אַפילו געפונען איניקע אָרטאָדאָקסישע רבנים אין מערב־אייראָפּע וואָס האָבן אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז אַלץ וואָס אונדזערע נביאים האָבן געזען און געזאָגט איז נאָר אויפצונעמען ווי אַ משל ומליצה, און אַז אין דער אמתן — ווען משיח וועט קומען — וועט ער קומען ניט נאָר צו ישראל, כדי אים צוריקצוברענגען צו זיין לאַנד, נאָר ער וועט קומען צו דער גאַנצער וועלט, און די יידן וועלן בלייבן אין דער בעסערער וועלט, דאָרט וואו זיי זיינען איצט.

אַנדערע האָבן זיך ווידער אַרויסגעזאָגט, אַז נאַציאָנאַליזם איז קעגן אונדזער גלויבן אין משיחן. און איך מוז אייך זאָגן: עס איז ניט אַזוי. אונדזער גלויבן און אונדזער האָפענונג איז — ווי פריער אויך היינט — אַז משיח וועט קומען און וועט אונדז ברענגען צו אונדזער לאַנד, און אנשטאָט וואָס מיר זיינען געווען וואַנדערערס און פרעמדע צווישן אַנדערע פעלקער און אין פרעמדע לענדער, וועלן מיר זיך אומקערן צו אונדזער לאַנד און ווערן אַ פאָלק אין פולן זין פון וואָרט. אַנשטאָט וואָס מיר זיינען געווען צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פון די פעלקער, וועלן מיר ווערן צו כבוד און פּראַכט אין די אויגן פון דער וועלט. דאָס איז דאָס, וואָס אונדזערע חכמים און נביאים האָבן געזאָגט און אין וואָס מיר גלויבן. מיר ווילן אויך, אַז דער גאַנצער וועלט זאָל זיין גוט און מיר בעטן אויך ראש השנה און יום כפור: „ובכן תן פחדך ד' אלקינו על כל מעשיך ואימתך על כל מה שבראת..." אָבער נאָך דער אַלגעמיינער תפילה בעטן מיר: „ובכן תן כבוד ה' לעמך תהילה ליראיך ותקוה טובה לדורשיך ופתחון פה למיחלים לך שמחה

לארצך וששון לעירך...." און ריכטיק: דער כבוד פון אונדזער פּאָלק, זיין רום און זיין האָפענונג זיינען נאָר אָפּהענגיק פון אונדזער לאַנד און פון דער פרייד אין אונדזערע שטעט. דענסטמאָל וועט די רשעות אַוועק ווי דער רויך און די אומגערעכטיקייט וועט פאַרשווינדן פון דער וועלט.

גאָט זאָל בענטשן די פירער פון ישראל און זיין אויסלייזער זאָל מקיים זיין די ווערטער פון זיין נביא (זכרי'ח): „אַזוי האָט געזאָגט גאָט: איך וועל העלפן מיין פּאָלק פון מזרח און וועל זיי ברענגען קיין ירושלים און זיי וועלן מיר ווערן אַ פּאָלק און איך וועל צו זיי זיין זייער גאָט פון אמת און גערעכטיקייט".

ד"ר יוסף מאָהילעווער האָט געשיקט צו זיין זיידן געגויע און אָפּטע באַריכטן פון קאָנגרעס און ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער אים אַלץ פערזענלעך דערציילט. ר' שמואל מאָהילעווער האָט זיך זייער געדאגהט וועגן דעם באַשלוס, אַז מיט פּראַקטישע מעשים זאָל מען וואַרטן ביז מען וועט קריגן דעם טשאַרטער... ער האָט אָבער אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דאָס וועט בלייבן נאָר אַ ציטווייליקער באַשלוס, און אַז די פּראַקטישע אַרבעט פון ישוב הארץ וועט ניט ווערן אונטערבראָכן.

דער ערשטער קאָנגרעס האָט אויסגעקליבן פיר באַפולמעכטיקטע אין רוס־לאַנד: ר' שמואל מאָהילעווער, פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם, אַדוואָקאַט יאַסי־נאָווסקי און ד"ר בערנשטיין־כהן. ד"ר ווילענסקי האָט פערזענלעך געבראַכט די ידיעה צו ר' שמואל מאָהילעווער. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מאָהילעווער איז שוין געווען זייער קראַנק, האָט ער פונדעסטוועגן גענומען אויף זיך די אַרבעט און אַוועקגעגעבן זיינע לעצטע מינוטן פון זיין לעבן פאַר זיין פּאָלק און זיין לאַנד.

ר' שמואל מאָהילעווער האָט קודם כל געזאָרגט פאַר דעם, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד. צוליב דעם צוועק איז אויפגערופן געוואָרן כ"ב—כ"ה חשון תרנ"ח (האַרבסט 1897) אין ביאַליס־סטאָק די ערשטע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס זיינען געווען ביי פופציק פערזאָן, דאָס רוב פון די באַקאַנטע חובבי ציון. אין דער אסיפה איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, וועלכע האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. די באַפולמעכטיקטע פאַר רוסלאַנד האָבן צווישן זיך איינגעטיילט די אַרבעט לויט די געביטן: ביאַליסטאָק — דער „גייסטיקער צענטער", קיעוו — דער „פינאַנץ־צענטער", קישינעוו — דער „פּאָסט צענטער" און וואַרשע — דער „ליטעראַרישער צענטער".

דאָס איז געווען דער לעצטער יאָר, וואָס ר'שמואל מאָהילעווער האָט אָפּ־געגעבן פאַר ציוניסטישער אַרבעט. ערב יום כפור, ווען ער האָט געבענטשט זיין אייניקל, ווי זיין מנהג איז געווען יעדעס יאָר, האָט ער געזאָגט: „ווייס מיין קינד, דאָס איז דער לעצטער יום כפור פאַר מיר. איך בין ניט זוכה געווען צו פאַרענדיקן מיינע יאָרן אין ארץ ישראל, און איך בענטש דיר, אַז דו זאָלסט דערלעבן צו גיין און צו לעבן אין אונדזער לאַנד... דער יאָר

איז דער לעצטער אין מיין אַרבעט און מער, ווי איך האָב ביז איצט געטאָן, קען איך שוין ניט טאָן. נייע מענטשן קומען איצט, וועלכע זיינען פּאַסיק פאַר דעם. זיי וועלן פאָרזעצן די אַרבעט און גאָט וועט זיי העלפן.

י״ט סיון תרנ״ח (מאַי 1898) איז ר׳ שמואל מאָהילעווער געשטאָרבן.

ד״ר יוסף מאָהילעווער און ליטמאַן ראָזענטאַל האָבן אָפיציעל פאַרטראָטן די ציוניסטישע ביאַליסטאָק אויפן ערשטן קאָנגרעס. ביאַליסטאָקער זיינען אָבער געווען אויפן ערשטן קאָנגרעס אַחוץ זייביידע נאָך דריי: לעאָן האָראָדישטש,

אייזיק האָראָדישטש
(1849—1917)

זון פון אייזיק האָראָדישטש, וועלכער האָט פאַרטראָטן די בריסקער ציוניסטן; (דער עלטסטער זון פון אייזיק האָראָדישטש, שמואל האָראָדישטש, איז געווען אַ דעלעגאַט פון ביאַליסטאָק אויפן פערטן קאָנגרעס אין לאָנדאָן 1900. ער לעבט איצט אין ניו יאָרק). יוסף מעלניק, אַ זון פון אַ ביאַליסטאָקער כלל־טוער נאָטע מעלניק — האָט פאַרטראָטן די ציוניסטישע סטודענטנשאַפט פון היידעלבערגער אוניווערסיטעט (דייטשלאַנד); און ד״ר שלמה שילער (בלאַנקשטיין), וואָס איז געווען דער דעלעגאַט פון לעמבערג (גאַליציע). זען פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 1, זז. 243־241.

ערשטע יאָרן פון פּאָליטישן ציוניזם אין ביאַליסטאָק

נאָך דער פּטירה פון ר׳ שמואל מאָהילעווער הייבט זיך אָן אין ביאַליסטאָק די איבערגאַנג־צייט פון חיבת ציון צום פּאָליטישן ציוניזם, צום הערצל־ציו־

ניזם. אין די ציוניסטישע קרייזן, באַזונדערס צווישן דעם ייִנגערן דור, שווימען אַרויף נייע פרישע קרעפטן, נייע מענטשן, וועלכע האָבן אַ ברייטערן צוגאַנג און ברענגען אַריין אַ גרעסערן פאַרנעם און אַ נייע ריכטונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, כדי צו מאַכן פון איר אַן אמתע פאָלקס־באַוועגונג.

עס הייבן זיך אָן צו גרינדן אין ביאַליסטאָק ציוניסטישע פאַראייניגן מיט פאַרשיידענע ריכטונגען, זיי שטעלן זיך באַזונדערע צוועקן, האָבן זיך זייערע ספּעציעלע אַרבעטס־פּראָגראַמען און זייער באַזונדער נייגונג צו באַנוצן ייִדיש, העברעאיש אָדער רוסיש ווי זייער פּראַקטיקאַל־ אָדער דעבאַטע־שפּראַך.

מיר רעכענען דאָ אויס עטלעכע פון אָט־די גרופּירונגען:

בני ציון און שפּעטער אויך בנות ציון[13] — יונגע בחורים און מיידלעך. די בחורים פלעגן זיך געוויינלעך צוזאַמענקומען אין וועבערשן בית־מדרש אויף חיי־אדם גאַס. זייערע פּראָטאָקאָלן פלעגן זיי שרייבן אין ייִדיש. זייער פירער איז געווען אליהו מונטשיק[14].

בחורי ציון פלעגן לערנען תנ"ך און דקדוק. זייער טרעפּפּונקט איז געווען דער בעקערשער בית מדרש. זייער פירער איז געווען דער לערער מנחם איצקאָוויטש[15].

פּרחי ציון — עלטערע בחורים פון דער ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ. זייער פירער איז געווען פּייוול שפּיראָ[16]. גדליהו בובליק[17] פלעגט פאַר זיי פאַרלייענען געשיכטע פון שיבת ציון. צבי אילעוויצקי פלעגט מיט זיי לערנען תנ"ך. י. פּ. שניידער[18]. פלעגט אָפט האַלטן דרשות מעניגא דיומא אין העברעאיש.

---

13. דער באַקאַנטער אַנטי־ציוניסטישער מגיד אליקום געצל פלעגט זיך אָפט אין זיינע דרשות אויסדריקן וועגן די ביאַליסטאָקער יונגע ציוניסטן, אַז מען האָט געגרינדעט בני ציון און בנות ציון, כדי עס זאָלן אַרויסקומען ילדי ציון.

14. געב' אין ביאַליסטאָק 1882, זיין מוטער האָט געהאַט אַ „קאָפּיינע" אין גומיענער גאַס. האָט אויסגעוואַנדערט אין דער צווייטער עליה 1906 קיין ארץ ישראל. 1923—1924 האָט ער דאָרט געגרינדעט די פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט „הסנה", פון וועלכער ער איז שפּעטער אויך געוואָרן איר הויפּטפירער. ער לעבט אין תל־אביב, אונטערן נאָמען אליהו מרגלית.

15. שפּעטער איניציאַטאָר פון „ברית ראשונים" אין תל־אביב, אונטערן נאָמען מנחם הלוי.

16. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געגרינדעט די „עסיס" געזעלשאַפט פאַר פרוכטזאַפטן אין ארץ ישראל.

17. געבוירן ביי גראָדנע אין 1877, 2 יאָר אַלט געקומען קיין ביאַליסטאָק מיט דער פאַמיליע, וואו ער האָט פאַרבראַכט 23 יאָר, 1900 אויסגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע מיט נאָך 50 משפּחות און דאָרט געגרינדעט אין מאָזעסוויל אַ ביאַליסטאָקער קאָלאָניע. 1904 איז ער אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע. געווען אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט און פירער פון מזרחי. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 18טן מערץ 1948.

18. לעבט איצט אין ירושלים אונטערן נאָמען י. פּ. מרחביה. אין 1899 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ העפטל „קורטוב פילוסופיא אוריגינלית", פאַרלאַג א. ד. זופּניק אין דראָהאָוויטש. שפּעטער אַרויסגעגעבן „פירוש משלי שלמה".

י. פּ. שניידער־מרחביה האָט אונדז צוגעשיקט פון ירושלים וויכטיקע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ציוניזם אין ביאַליסטאָק, וועלכע מיר האָבן באַנוצט פאַר אונדזער אַרטיקל.

דער פאַראיין „פּרחי ציון" האָט זיך שפּעטער אויפגעגאָסן מיט די פאַר־בליבענע עלטערע חובבי ציון און דער נאָמען איז געביטן געוואָרן אויף „דורשי ציון". דאָרטן פלעגן די רעפעראַטן געהאַלטן ווערן אין העברעאיש. די זיצונגען פלעגן ווערן אָפּגעהאַלטן פון אָנהייב אין דער וואוינונג פון פאַרשטאָרבענעם ר' שמואל מאָהילעווער, שפּעטער אין אַן אייגענעם לאָקאַל. צו די אַקטיווע חברים האָבן זיך גערעכנט: שמיט, וועמענס זון איז געווען געהילף ביי דעם באַקאַנטן ווינער ציוניסט קרעמענעצקי, באַרשטשעווסקי, אברהמל פאַט, מענדל (מנחם) האַראַדישטש[19] און י. פ. שניידער (סעקרעטאַר).

מער ווי אַ יאָר האָט דער פאַראיין „דורשי ציון" געטראָגן אויף די אייגענע פּלייצעס די לאַסט פון דער גאַנצער ציוניסטישער טעטיקייט אין ביאַליסטאָק, ביז ס'איז אָנגעקומען צוריק קיין ביאַליסטאָק סוף 1898 לעאָן פּאַפּערין[20] וועל־כער האָט זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די ציוניסטישע באַוועגונג, צו פאַר־אייניקן אַלע נאַציאָנאַל דענקנדיקע יידן, אינטעליגענץ, כלל־טוער, אַלע ציוניס־טישע און פּראָ־ציוניסטישע פאַראיינען אין איין שטאַרקער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיין בכוח אין דער אינדוסטריע־און אַרבעטער־שטאָט ביאַליסטאָק, וואו אַרבעטער־לאָזונגען און סאָציאַליסטישע אידייען האָבן זיך אָנגעהויבן לייכט

---

19. אַ לאַנגיאָריקער ציוניסטישער עסקן. ער איז צוזאַמען מיט זיין זון אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצים אין פראַנקרייך בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ זון פון אייזיק האַראַדישטש.

20. ל. פּאַפּערין איז געבוירן אין ביאַליסטאָק אין 1875. זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געוואוינט אין די נייינציקער יאָרן אין גאָרפינקעלס געסל האָבן געהאַט אַ וועשעריי (לאַנדרי). ניט געקוקט אויף דעם וואָס זיי זיינען געווען ווייט פון זיין פאַרמעגלעך, האָבן זייערע קינדער, 2 טעכטער און 1 זון, באַקומען הויכע בילדונג. דאָס איז געווען מעגלעך בלויז אַ דאַנק דער השכלה באַוועגונג פון יענער צייט, ווען ביאַליסטאָקער גבירים, ווי האַלבערשטאַם, העשל האַלפּערן און אַנדערע האָבן געצאָלט פאַר יידישע ייִנגלעך פון אָרעמע עלטערן, וועלכע האָבן זיך „געריסן" צו בילדונג. נאָכן פאַרענדיקן די ביאַליסטאָקער רעאַל־שולע אַרום 1893 איז לעאָ פּאַפּערין אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז פאַרצוזעצן זיין בילדונג. דאָרט האָט ער געהערט לעקציעס אין מעדיצינישן פאַקולטעט, שפּעטער איז ער אַריבער צום פילאָ־זאָפישן און שפּעטער צום יורידישן פאַקולטעט. נאָך אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן זשורנאַליסטישע פעאיקייטן. אין פּאַריז האָט ער געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פאַר רוסישע צייטונגען אויך מיטגעאַרבעט אין פראַנצויזישע צייטונגען ספּעציעל וועגן רוסישע ענינים.

ל. פּאַפּערין איז געווען איינער פון דער גרופּע סטודענטן אין פּאַריז פאַר וועמען ד"ר הערצל האָט פאַרגעלייענט זיין „יודן־שטאַט", איידער ער האָט עס פאַרעפנטלעכט. ער איז געוואָרן אַ שטאַרקער אָנהענגער פון הערצל און זיין פּאָליטישן ציוניזם. נאָכן ערשטן קאָנגרעס האָט ער אויפגעגעבן זיינע שטודיום און זיך אַריינגעוואָרפן אין ציוניסטישער אַרבעט. ער האָט דאָרט אַרויסגעגעבן און רעדאַגירט אַ ציוניסטישן זשורנאַל „עקאָ סיאָניסט". ער איז אויך געווען אַ גלענצנדער רעדנער. פון 1898 ביז 1909 האָט ער פאַרבראַכט אין ביאַליסטאָק און די לעצטע 2 יאָר אין אָדעס. 1909 איז ער אָפּגעפאָרן צוריק קיין פּאַריז, וואו ער איז געשטאָרבן אין 6־1935.

צו פאַרשפּרייטן, דורכצופירן אַ גרויסע אַקטיווע טעטיקייט פאַרן פּאָליטישן ציוניזם.

צוזאַמען מיט ליטמאַן ראָזענטאַל[21], דעם גרויסן אָנהענגער פון הערצל און דעלעגאַט צו כמעט אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן, אָנהויבנדיק פון ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל, האָט ל. פּאַפּערין געפירט זיין אחריות׳פולע אַרבעט. זיי פלעגן איינאָרדענען זייערע אָפטע דיסקוסיע־אָוונטן אין הויז פון ראָזענטאַל און אין אַנדערע חשובע פּריוואַט־הייזער פון איינפלוסרייכע יחידים. מען האָט גערעדט וועגן דער ציוניסטישער אידייע, אירע ריכטונגען, וועגן די

לעאָן פּאַפּערין
(1875—1936)

ליטמאַן ראָזענטאַל
(1871—1939)

חלוקי דעות אויף די קאָנגרעסן און וועגן די קאָנגרעס־רעזאָלוציעס. די רעפעראַטן פלעגן פאָרקומען אין יידיש, רוסיש און אויך דייטש. די אָפיציעלע שפּראַך איז געווען רוסיש. אין רוסיש פלעגן זיך פירן אויך די פּראָטאָקאָלן. דעמאָלט האָט זיך געבילדעט דער ערשטער ציוניסטישער קאָמיטעט מיט דר. לעאָן פינעס — באַרימטער אויגן־דאָקטאָר, אַלס פּאָרזיצער, און לעאָן פּאַפּערין, סעקרעטאַר. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פיר אַרבעט־קאָמיסיעס: אַ שקלים־קאָמיסיע מיט אַדוואָקאַט לעאָן טרייוויש, אַלס פּאָרזיצער און י. פּ. שניידער, אַלס סעקרעטאַר. אַ קאָמיסיע פאַרן פאַרקויף פון קאָלאָניאַל־באַנק אַקציעס, אונטער י. וואַרשאַווסקי, שפּעטער דער ערשטער דירעקטאָר־פאַרוואַלטער פון

21. געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק אין 1939 אין עלטער פון 68 יאָר. ער איז געווען אַן איידעם פון באַקאַנטן ביאַליסטאָקער חובב־ציון, כלל־טוער און מיטגרינדער פון דער חברה „אגודת אלף״ אייזיק האַראַדיטש (1849—1917).

דער אַנגלאָ־פּאַלעסטינע באַנק אין ארץ ישראל. אַ קאָמיסיע פאַרן פאַרקויף פון נאַציאָנאַל־פאָנד מאַרקעס אונטער דער אָנפירונג פון פרל. גאָלדשטיין (טאָכטער פון כאשע גאָלדשטיין, פרוי פון בערגער, מינסק) און אַן אַגיטאַציע קאָמיסיע. די אַגיטאַציע־קאָמיסיע האָט איינגעאָרדנט אַ שולע אויף צוצוגרייטן רעדנערס און טוערס. די עקזאַמענס פון די אַפּליקאַנטן פאַר דער אַגיטאַציע־שולע פלעגן פאָרקומען אין הויז פון ליטמאַן ראָזענטאַל, די עקזאַמינאַטאָרן זיינען געווען: לעאָן פאַפּערין, ליטמאַן ראָזענטאַל און קויפמאַן (אַ גראָדנער)), וועלכע זיינען שפּעטער אויך געווען די לערער פון דעם אַגיטאַציע־אינסטיטוט. צווישן די אַפּליקאַנטן, וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען זיינען געווען: אליהו לייב מונטשיק, יוסף און הערשל סוכאָוואָלסקי, זייער שוועסטער תמימה (אַלע אין ישראל), זיידל כאַבאָצקי (היינט אין ניו יאָרק) און אַנדערע.

שקלים פלעגט מען נעמען נאָר ביי באַוואוסטזיניקע ציוניסטן. נדבות פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד פלעגט מען נעמען ביי אַלעמען, אַפילו ביי קריסטן. לעאָ פאַפּערין, וואָס איז געווען באַפריינדעט מיטן פּאָליצמייסטער, האָט אַמאָל באַקומען ביי אים גופא אַ נדבה פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד.

פאַפּערין האָט געגרינדעט אין ביאַליסטאָק אַ ספּעציעלע פאַרלאַגס־געזעל־שאַפט „השחר", מיט דעם צוועק אַרויסצוגעבן ציוניסטישע שריפטן אין רוסיש. צווישן אַנדערע האָט ער אַרויסגעגעבן ט. הערצל'ס שריפטן אין רוסיש. נאָך 1903 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכן זשורנאַל „יעווריייסקי גאָלאָס" אין רוסיש, וואָס איז געווען דער אָרגאַן פון דער טעריטאָריאַליסטישער גרופּע. פאַרוואַלטעט מיט דעם זשורנאַל האָט נחמן דראָזדאָווסקי [22].

איין מאָל מאָנאַטלעך פלעגט פאָרקומען אַ באַראַטונג פון קאָמיטעט, פון די מיטגלידער פון די קאָמיסיעס און פאָרשטייער פון די פאַראיינען. עס זיינען אויך אָפט פאָרגעקומען גרויסע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

היות די לערערשאַפט איז ניט געווען פאַרטראָטן אין דער ביאַליסטאָקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און די אָנהענגער פון העברעאיש האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אין דער אָרגאַניזאַציע צו באַנוצן די העברעאישע שפּראַך האָבן י. פּ. שניידער, און די לערערס פסח קאַפּלאַן, מ. מ. בערך, שמואל ראַקאָווסקי, יחיאל־יצחק אינדיצקי און אַנדערע געשאַפן אַ קרייז פון „דוברי עברית". צוזאַ־מענקומען פלעגט מען זיך ביי פסח קאַפּלאַן. עס איז געווען אַ ענגערער קרייז פון אַ 15 פּערזאָן, צווישן זיי זיינען געווען אויך נח זאַבלודאָווסקי, נ. ה. באָיאַרסקי. דער ליטעראַרישער פאַראיין „דוברי עברית" האָט עקזיסטירט פינף יאָר.

אויפן פאָרשלאָג פון שרייבער און בוכהענדלער י. י. אינדיצקי האָט מען געגרינדעט אַ פאַרלאַג „עבריה", וואָס זאָל אַרויסגעבן לייכטע פּאָפּולערע שריפטן

22. געווען אַ שפּינעריי־באַזיצער. די שפּינעריי האָט געהייסן „אשכל און דראָזדאָווסק", אויף נייוועלט. לעבט אין גלענקאָ ביי שיקאַגאָ אונטערן נאָמען דראָזדאָוו. האָט אַרויסגעגעבן אין 1940 אַ בוך „אחד העם" און אין 1949 „דער ווידערגעבורט פונעם אידענטום". עטלעכע פון זיינע זכרונות וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט האָבן מיר אויסגענוצט פאַר אָט דער אַרבעט.

אין העברעאיש און דערציילונגען פאַר קינדער. איבערזעצער אָדער פאַרפאַסער זאָלן זיי די אייגענע חברים פון ליטעראַרישן קרייז. מען האָט אַרויסגעגעבן אַ ביבליותיקה קטנה וואָס איז באַשטאַנען פון 15 העפטן, פּונקטירט, ד. ה. מיט נקודות און אין אַ פיינעם לייכטן סטיל, צווישן זיי אויך אַ העפט פון י. פּ. שניידער: „משלי ר' לוי בר חמא" און אַ העפט פון „כל משלי ישראל". נ. ה. באַיאַרסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ ספר'ל „חקר מלים".

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ פרייער ווינטל אין רוסלאַנד, האָט זיך י. פּ. שניידער געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יהודה סולודוכה, דעם סעקרעטאַר פון „חובבי שפת עבר" אין פּעטערבורג, כדי צו עפענען אין ביאַליסטאָק אַן אָפיציעלע אָפּטיילונג פון אָט דער חברה.

מיט הילף פון באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן אַדוואָקאַט לעאָן טריוויש, האָט מען אַרויסבאַקומען פון דער רוסישער מאַכט אַ לעגאַליזאַציע פון דער חברה „חובבי שפת עבר" אין ביאַליסטאָק[23].

די טעטיקייט פון די „פּאָליטישע ציוניסטן" האָט זיך אין ביאַליסטאָק אָנגעשטויסן אויף געוואַלטיקע שטערונגען און גרויסע רייבונגען פון רעכטס און לינקס.

די פירער פון דער קהלה זיינען דאָס רוב געווען, אויב ניט קעגנער, דאָך זייער פּאַסיוו צום ציוניזם. זיי האָבן ניט געהאַלטן ניט פון „חובבי ציון", ניט פון דער קאָלאָניאַל באַנק, ניט פון די יונגע ציוניסטן אפילו ניט פון באַלעבאַטישחשובן ליטמאַן ראָזענטאַל. יחיאל־בער וואָלקאָוויסקי האָט געקוקט קרום אויף דער נאַציאָנאַליסטישער יוגנט, וואָס וויל פאַרכאַפּן די קהלה אין אירע הענט. קעגן ציוניזם האָבן זיך אין ביאַליסטאָק, ווי אומעטום, פאַראייניקט די פרומע מיט די „אַסימילאַטאָרן" פון רעכטס און לינקס.

דער ביאַליסטאָקער שטאָט־מגיד, ר' אליקום געצל, פלעגט צוציען מיט זיינע דרשות אַ גרויסן עולם שבת אָדער אין דערוואָכן, אין שול אָדער אין די בתי־מדרשים. אין אַלע זיינע דרשות פלעגט ער אויפטרעטן אין דער שטאַרקסטער פאָרם סיי קעגן ציוניזם און סיי קעגן העברעאיש. ער פלעגט ציטירן אָפּגעהאַקטע פסוקים פון הערצלס „יודענשטאַט", כדי אַרויסצוזעפינען אַ וואָרט, וואָס איז געווען לויט זיין פירוש קעגן רעליגיע. די ייִנגערע מיטגלידער פון די דערמאָנטע „פּרחי ציון — דורשי ציון" פלעגן אים אָפּט מאַכן אָבסטרוקציעס אין די בתי־מדרשים בשעת זיינע דרשות. עטלעכע פון די עלטערע מיטגלידער זיינען איינמאָל אָווקעגעגאַנגען צו אים אין שטוב, הינטער דער באָד־געסל אויפן שולהויף, כדי זיך מיט אים פערזענלעך אויסצוטענה'ן. ער האָט זיי אויפגענומען, אָפּגערעדט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן און ווען ער האָט געענדיקט, איז ער מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

23. פּרטים וועגן דער ביאַליסטאָקער אָפּטיילונג „חובבי שפת עבר" און איר טעטיקייט, זען אין „פּנקס ביאַליסטאָק", באַנד 1, זייט 404—480, ווי אויך ירוחם לעווין'ס אַרטיקל אין „ביאַליסטאָקער שטימע", נומ. 261 פסח תשי"א, 1951.

אליקום געצל איז שפּעטער געוואָרן פּאַראַליזירט. (זיינער אַן אייניקל געפינט זיך אין ארץ ישראל).

ניט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען פון רעכטס און לינקס, האָט די ציוניס־טישע באַוועגונג מיט אירע אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען אין ביאַליסטאָק זיך פאַרשפּרייט, וואָס אַ טאָג מער, און באַקומען די השפּעה אויף דעם ביאַליס־טאָקער יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן [24].

דער בולט׳סטער באַווייז איז דער עפּיזאָד, ווי אַזוי דר. יוסף מאָהילעווער איז אין 1901 אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ ראַבינער אין ביאַליסטאָק [25].

דר. יוסף מאָהילעווער האָט געהאַט אַ גרויסן זכות צו זיין דער אייניקל פון הרב ר׳ שמואל מאָהילעווער. ער איז אָבער אויך געווען אַ געטרייער ציוניסט, האָט אָנטייל גענומען אין ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט ער געהאַט זייער גרויסע און ערנסטע קאָנקורענטן אויפן פּאָסטן פון ביאַליס־טאָקער ראַבינער: דיפּלאָמירטע מיט גרויסע יורידישע קענטענישן, מומחים אויפן ראַבינערישן געביט, אַלע אָבער ניט קיין ציוניסטן. די ציוניסטשע אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק האָט דענסטמאָל זיך געהאַלטן אָן דעם באַשלוס, וואָס איז אָנ־גענומען געוואָרן פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג, פון „כבוש הקהלות״, ד. ה. פון דער פּאָליטיק אַריינצודרינגען אין די קהלה־פאַרוואַלטונגען און אין אַלע יידישע אינסטיטוציעס און חברות, פילאַנטראָפּישע און קולטורעלע, און אויף אַזאַ אופן צו קריגן די השפּעה אויף דער יידישער יוגנט. אויף דער יידישער גאַס, אויף דעם יידישן לעבן בכלל. דאָס איז געווען גוט און פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירט.

ווען די וואַלן פון אַ ראַבינער אין ביאַליסטאָק האָבן געדאַרפט פאָרקומען, איז יעדער אָרגאַניזירטער ציוניסט געווען אויף זיין פּלאַץ, און טאַקע דורכגעפירט דאָס, וואָס מען האָט פון אים דערוואַרט און אויף אים אַרויפגעלייגט. ציוניסטן האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז זיי אליין און זייערע פריינט און באַקאַנטע זאָלן ווערן איינגעטראָגן אין רעגיסטער פון די מתפּללים פון די בתי־מדרשים, וועלכע זיינען געווען באַרעכטיקט צו שיקן וויילערס אין מאַגיסטראַט. עס איז געפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אין די הייזער און אויפן גאַס. מען האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס מען האָט געוואוסט, אַז ביאַליסטאָק האָט געהאַט דריי ביז פיר הונדערט אַבאָנענטן אויף דער „הצפירה״. מען האָט אינטענסיוו געאַרבעט

---

24. גענויער וועגן דער אַנטוויקלונג און אַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע צום ציוניזם, ווי אויך וועגן די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין ביאַליסטאָק און אַנדערע ריכטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זען די אַרטיקלען אין „ביאַליסטאָקער פריינד״, דערשינען 1950 אין ניו יאָרק, ווי אַ יובל־אויסגאַבע פון ביאַליסטאָקער ברענטש 88 פון „אַרבעטער־רינג״, צו זיין 45־יאָריקן באַשטיין. די אַרטיקלען זיינען געשריבן פון: מרדכי פּאָגאָרעלסקי, זיידל כאַבאָצקי, דוד קלעמענטינאָווסקי, דר. הערמאַן פראַנק און אַנדערע.

25. דער עפּיזאָד איז געשילדערט געוואָרן אין די זכרונות פון י. פּ. שניידער (י. פּ. מרחביה) ירושלים, אַ לעבעדיקער עדות און אָנטיילנעמער אין דעם וואַל־קאַמף.

אין דער צייט פון די וואַלן. מען האָט געזען, אַז קיינער זאָל ניט פעלן ביים אָפּגעבן דעם שטים־צעטל, בעת די אַנדערע, די ניט־ציוניסטן, האָבן עס ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק און נויטיק מקריב צו זיין אַ וואָכעדיקן טאָג אָדער אַ פּאָר שעה פרנסה פאַר די „וויבאָרעס" (וואַלן).

אַזוי איז דר. יוסף מאָהילעווער אויסגעקליבן געוואָרן, קעגן די שטימעס פון די רעדל־פירערס אָרטאָדאָקסן און אַסימילאַטאָרן, אַלס ראַבינער (קאַזיאָני ראַווין) אין ביאַליסטאָק. דער גבאי פון אַלטן בית־מדרש, וואו י. פּ. שניידער האָט געפירט די אַגיטאַציע, קאַדל באַרנבוים, האָט נישט געקריגן מער ווי עלף שטימעס, אָדער גאַלקעס, ווי מען פלעגט רופן די „באַלאָטירונג־באַלס" אין ביאַליס־טאָק. דאָס האָט קאַדל באַרנבוים'ען שטאַרק אויפגערעגט. ס'טייטש, אַ גבאי אין אייגענעם בית־מדרש, און זיין טאַטע, דער 90־יאָריקער אהרן־הערש באַרנבוים, איז געווען 40 יאָר גבאי דאָרט! האָט אים פונדעסטוועגן געפעלט א י י ן שטימע צו ווערן אַ „וויבאָרשטשיק", אַ וואַל־מאַן. דעמזעלביקן טאָג נאָכמיטאָג קומט אַריין צו קאַדל באַרנבוים אין זיין פּאַפּיר־געשעפט אויף באַזאַרנע גאַס דער כלל־טוער אבע טאַבאַליצקי, און זאָגט צו אים: „דו זעסט, קאַדל, דו האָסט געקריגן עלף, ווייל דיין טאַטע איז געווען א כ . . ." קאַדל באַרנבוים איז שטאַרק ברוגז געוואָרן. ער האָט פון כעס אָפּגעגעבן צוריק דעם פּנקס פון בית־מדרש.

ביי די וואַלן פון ראַבינער אין גרויסן זאַל „האַרמאָניע", האָט דר. כאַזאַנאָוויטש אַליין געהאָלפן ביים בופעט, וואו משקה האָט ניט געפעלט. נאָכדעם, ווי מען האָט זיך דערוואוסט די רעזולטאַטן, איז צווישן די ביאַליסטאָקער ציוניסטן געוואָרן ששון ושמחה. ביי דר. יוסף מאָהילעווער אין שטוב אויף דער דייטשער גאַס אין גאָטליב'ס הויז האָט מען געפּראַוועט אַ „הוליאַנקע": מען האָט געפייערט דעם גרויסן נצחון.

דער אַלטער שטאָט־תקיף, יחיל־בער וואָלקאָוויסקי, האָט דעם ציוניסטישן נצחון ניט געקענט פאַרטראָגן. אַ יאָר שפּעטער (אין 1903) איז ער אַוועק אויפן עולם האמת.

זכרונות פון אַ ביאַליסטאָקער בונדיסט (1905—1901)

• פון באָרים ציפּין

דר. באָריס ציפּין, אַ ציין־דאָקטאָר פון פּראָפעסיע, איז געווען אַ געבוירענער פון האָרקי, מאָהילעווער גוב. און איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק אין 1900 אָדער 1901. דאָרט האָט ער אָפּגעלעבט 23 יאָר, ביז דער אויסוואַנדערונג קיין נאָרד־אַמעריקע. ער האָט אין ביאַליסטאָק חתונה געהאַט מיט דער שוועסטער פון אונדזער פאַרוואַלטונג־מיטגליד, דר. יוסף גודמאַן, און ס׳זיינען ביי זיי דאָרט געבוירן געוואָרן 2 זין, יעקב און פּיניע. אין אַמעריקע האָט דר. ציפּין געלעבט אין ניו־יאָרק, באָפאַלאָ און סאַן פראַנציסקאָ, וואו ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 67 יאָר, דעם 30סטן אויגוסט 1949. עס איז פון אים געבליבן אַן אויספירלעכע אויטאָביאָגראַפיע, אָנגעשריבן אַ יאָר אָדער צוויי פאַרן טויט, ספּעציעל פאַר אונדזער היסטאָרישער געזעלשאַפט. דער כתב־יד איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן פון די זין. פון דאָרט האָבן מיר אַרויסגענומען אָט־דעם אינטערעסאַנטן פראַגמענט.

די רעדאַקציע.

ווען איך בין אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק, אין אָנהייב פון דעם איצטיקן יאָרהונדערט, נאָענט צו 50 יאָר צוריק, האָבן זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט אייניקע אינטעליגענטע ביאַליסטאָקער, עלטערע פון מיר, וואָס האָבן געהערט צום „בונד״. זיי האָבן גלייך דערזען, אַז הגם מיר איז חוץ ציוניזם קיין שום געזעלשאַפטלעכע יידישע שטרעמונג ניט באַקאַנט, — אָבער אַז כ׳בין גענוג רעוואָלוציאָנער געשטימט קעגן דעם מיאוסן צאַריזם, און בין אַ גרינגער פאַנג פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע — אויב שוין ניט די איינציקע — צו יענער צייט אין ביאַליסטאָק. איך בין אַריינגענומען געוואָרן אין זייער אָרגאַניזאַציע.

די הויפּט־טוער פון דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט די „פּראָפעסיאָנאַלן״, ד. ה. די דעלעגאַטן, וואָס זיינען ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון צענטראַלן פּאַרטיי־קאָמיטעט צו דער ביאַליסטאָקער אָרגאַניזאַציע, כדי צו פירן און סטימולירן די אַרבעט אויפן אָרט, האָבן באַלד אויסגעפונען, אַז מיין בעסטער פּלאַץ וועט זיין אין דער „אינטעליגענטער קאָמיסיע״, וואָס איר פונקציע איז סיי צו פירן פּראָפּאַגאַנדע, סיי אויסצובילדן פּראָפּאַגאַנדיסטן־לעקטאָרן. אַזאַ קאָמיסיע האָט זיך גראָד געהאַלטן אין באַשאַפן, און האָט זיך באַלד קאָנסטיטואירט. באַשטאַנען איז זי פון (וויניקסטנס) איין דעלעגאַט פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַ צוויי־דריי אינטעליגענטע טוער פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט, און אַרום 10־15 מענטשן פון דער ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צום „בונד״. מיר האָבן זיך צעטיילט אין 4־5 גרופּעס און גענומען שטודירן דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״ פון מאַרקס און ענגעלס, מאַרקס׳ס „קאַפּיטאַל״ און

אַנדערע ווערק פון דייטשישע און רוסישע טעאָרעטיקער פון דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע (קאַוטסקי, פּלעכאַנאָוו, לענין, ליבקנעכט און עד. בערנשטיין), מיט אַלע פּלפּולים פון דער העגעלשער דיאַלעקטיק. יעדע גרופּע האָט געדאַרפט צושטעלן אַ קאָנספּעקט (דרעפט) פון אַ לעקציע, וואָס זאָל פאָרגעלעזן ווערן פאַר די אַרבעטער, און די פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע האָט, נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע, געדאַרפט אויסקלייבן און באַשטימען, וועלכע לעקציע זאָל געלעזן ווערן. מייסטנס פלעגן די לעקציע־

באָריס ציפּין
(1882—1949)

אָנוואורפן פון מיין גרופּע באַשטעטיקט ווערן, ווייל איך בין געווען אַ געניטער פּאָפּולאַריזאַטאָר־לערער. אויף אַזאַ אופן בין איך געווען אַ צווייפאַכער לערער: אי אַ באַצאָלטער „רעפּעטיטאָר" און פּריוואַט־לערער, אי כ'פלעג דאַרפן יעדן פרייטיק־צו־נאַכט (ווי אויך די איבעריקע מיטגלידער פון דער לעקטאָרן־גרופּע) לייענען די באַשטעלטע לעקציע פאַר אַ גרופּע פון 20 ביז 30 מער באַוואוסט־זיניקע אַרבעטער אין דעם הויז, געוויינטלעך, פון איינעם טאַקע פון דער לעקט־טאָרן־גרופּע. דערביי פלעגט דער צוהערער־עולם גאַנץ געשמאַק „לושטשן" יאַנד־רעס (סעמעטשקעס), אָדער קייען געקאָכטע אַרבעס און באָב. די יינגערע מיט־גלידער פון די אינטעליגענטן־גרופּעס, וואָס זיינען אַליין נאָך ניט געווען בכוח צו לייענען לעקציעס אין די גרופּעס, האָבן זיך פאַרנומען מיט לערנען, באַזונדערס די אַרבעטער־מיידלעך, צו לעזן און שרייבן — אויסצולערנען זיי כאָטש צו קענען לייענען די „אַרבעטער שטימע" (דער הויפּט־אָרגאַן פון אונטערערדישן „בונד"), די פּאָפּולערע בראָשורקעס פון „בונד", און אויך די פּראָקלאַמאַציעס.

באַזונדערס נוצלעך בין איך געווען פאַר דער ביאַליסטאָקער גרופּע פון „בונד“ מיט דעם, וואָס איך בין געווען אָן אַ פאַמיליע, זעלבסטשטענדיק, און אָנגענומען אין אַלע קרייזן ווי אַ גוטער פּריוואַט־לערער. דערפאַר טאַקע האָט מען מיך באַלד אויפגעהערט איינריידן פון צענטראַל־קאָמיטעט איך זאָל ווערן אַ „פּראָפעסיאָנאַל“ (וואָס איינע פון זייערע פונקציעס איז געווען צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט), און בין פאַרבליבן אין ביאַליסטאָק. איך פלעג שטענדיק נעמען אַ צימער אין אַ „לאָיאַלן“, בורזשואַזן טייל פון שטאָט, ביי מענטשן, וואָס כ׳בין זיי געווען גוט באַקאַנט פאַר אַ טיכטיקן פּריוואַט־לערער, צו וועלכן ס׳פלעגן אויך קומען שילער פון דעם ביאַליסטאָקער מיטל־קלאַס, קינדער וועלכע די באַלע־באַטים פון מיין דירה האָבן געקענט. צו די רייכע קינדער און די שילערינס פלעג איך גיין אין זייערע פּאַראַדנע וואוינונגען. שפּיאָנען האָבן גאָרניט געקענט אָנהייבן קלערן וועגן איך בין, כאָטש זיי פלעגן זען צומאָל אַריינקומען צו מיר פאַרדעכטיקטע נפשות — פון די „פּראָפעסיאָנאַלן“. פלעג איך דעריבער אַכטונג געבן, אַז די אַריינקומענדיקע צו מיר „פּראָפעסיאָנאַלן“ זאָלן ניט זיין צו אָפּגע־לאָזן אין זייער הלבשה — אַ זאַך וואָס מיט אייניקע פון זיי איז געווען שווער אויסצופירן... איינער פון זיי, „משה דער ישיבה־בחור“, כאָטש ער האָט גוט פאַרשטאַנען מיין פאָדערונג, האָט אין אַ שפּאַס מיך אָנגערופן „זלאָי אינטעליגענט“ (בייזער אינטעליגענט), הגם בייטאָג פלעגט ער גאַנץ אָפט קומען צו מיר זיך אויסשלאָפן — ווען איך האָב אים דאָס דערלויבט צו טאָן, בתנאי ער זאָל זיין גוט אָנגעטאָן.

מיין צימער האָט אויך געדינט פאַר אַ צענטער, דורך וועלכן ס׳פלעגט דורכ־גיין די אומלעגאַלע ליטעראַטור וואָס פלעגט אָבער קיינמאָל ניט בלייבן ביי מיר מער ווי אַ קורצע צייט בייטאָג, און קיינמאָל ניט נעכטיקן. מיינע שילער זיינען ניט געווען ייִנגער פון מיר, מיט די מערסטע פלעג איך ווערן זייער באַפריינדעט, און ניט ווייניק זיינען דורך מיר אַריינגעצויגן געוואָרן אין „בונד“. אייניקע האָבן געוואוינט אין די בעסטע געגנטן פון שטאָט, צומאָל אין אייגענע הייזער. מיט זייער הילף האָבן מיר אָרגאַניזירט דאָס באַהאַלטן און פאַרשפּרייטן פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס די „פּראָפעסיאָנאַלן“ פלעגן ברענגען צו מיר, אין אַ צייט וואָס איך האָב געננוי געוואוסט; מיט איין שעה שפּעטער פלעגן צו מיר קומען די אינטעליגענטן, מיינע פריינט, און דאָס צונעמען צו באַהאַלטן ביי זיך. און ווען מ׳פלעגט עס דאַרפן צעטיילן, איז דאָס אויך געבראַכט געוואָרן צו מיר, און ס׳איז גלייך צוגענומען געוואָרן דורך די, וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף דער „סחורה“. אַזוי גוט איז דאָס געווען אָרגאַניזירט, אַז מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין דורכפאַל אין ביאַליסטאָק פון אַ גרעסערן קוואַנטום ליטעראַטור.

נאָך אַן אָפּעראַציע פלעגט דורכגעפירט ווערן אין מיין צימער — „דרוקן“ לאָקאַלע פּראָקלאַמאַציעס אויף אַ „שאַפּיראָגראַף“ (העקטאָגראַף), ווען ס׳איז געווען אַ נויטווענדיקייט.

מיר, די „פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע“, האָבן אויך גענומען דעם גרעסטן אָנטייל

אין אָרגאַניזירן די שמירה פון די מאַסאָווע פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן פאָרקומען אין אַ שבת נאָך־מיטאָג, זומער — אין די גרויסע וועלדער, מיט וועלכע ביאַלי־סטאָק איז אַרומגערינגלט, און ווינטער — אין לאָקאַלן פון די גרויסע פאַבריקן. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן יעדן פון אונדז גוט געקענט, טרעפענדיק זיך מיט אונדז שטענדיק אויף די לעקציעס. דערצו האָבן מיר כמעט אַלע גוט גערעדט רוסיש, און געוואוסט ווי צו האַלטן זיך מיט דער פּאָליציי. מיר מיט עטלעכע פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער פלעגן אַרומגיין אין דעם פּאַטרול און פלעגן, ביים ענטפערן אַ באַשטימטן פּאַראָל, אָנווייזן דעם וועג צום מיטינג־פּלאַץ. די אַרבעטער אין אונדזערע פּאַרטיי־רייען זיינען געווען פון אַלע צווייגן פון דער ביאַליסטאָקער אינדוסטריע (טעקסטיל, גאַרבעריי, שפּיז, שניידעריי, שוסטעריי א. ד. גל.) און זיי האָבן גוט געקענט די מאַסאָווע אַרבעטער, וועלכע פלעגן קומען צו די גרויסע פאַרזאַמלונגען. אויף אַזאַ אופן פלעגן מיר זיך אָפּהיטן, אַז שפּיאָנען זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן אויף אונדזערע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. זיי פלעגן דורכגיין אונטערן נאָז פון דער פּאָליציי אומגעשטערט.

איר קלימאַקס האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין ביאַליסטאָק דערגרייכט, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, אין 1905, ווען די רעוואָלוציע קעגן צאַריזם איז שוין געווען אין פולן ברען. גלייך נאָך דעם טרויעריק־באַרימטן 9טן יאַנואַר אין פּעטערבורג (די אַרבעטער־פּראָצעסיע צום צאַרס פּאַלאַץ געפירט פון גלח־פּראָוואָקאַטאָר גאַפּאָן, ביי וועלכער טויזנטער טויטע און פאַרוואונדעטע זיינען געפאַלן אויף די פאַרשנייטע גאַסן פון דער צאַרישער הויפּטשטאָט) האָט זיך אַ פּראָטעסט־און סטרייק־כוואַליע דורכגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד און האָט אויך, פאַרשטייט זיך, באַרירט ביאַליסטאָק. ס'האָט געקאָכט און געשטורעמט אין אַלע אַרבעטער און פּאַרטיי־קרייזן. די רעגירונג האָט געענטפערט מיט צענדליקער טויזנטער אַרעסטן פון אַלע פאַרדעכטיקע אין אַלע שטעט און שטעטלעך.

איך בין אַרעסטירט געוואָרן אין ביאַליסטאָק צום ערשטן מאָל אין דער נאַכט פון 13טן אויפן 14טן יאַנואַר 1905. עס איז געווען שוין נאָך 12 ביינאַכט, ווען איך האָב דערהערט דעם קלאַפּ אין טיר, מיט דעם אויסרוף: אַ טעלעגראַם! ווען מ'האָט געעפנט די טיר, האָט זיך אַריינגעריסן אַ גאַנצע כאַפּטע פּאָליציי, קלאַפּנדיק מיט זייערע שטיוול. אַ 4־5 מאַן האָבן זיך גלייך אַריינגעשטעלט אין מיין צימער, דערלאַנגט מיר אַ פּאַפּיר, און געזאָגט, אַז זיי זיינען געקומען צו מאַכן ביי מיר אַ הויז־זוכונג (אָביסק), און כ'זאָל זיי בעסער אַליין אָפּגעבן דאָס געווער וואָס איך האָב. כ'האָב זיי, זייער גלייכגילטיק און רואיק, געענטפערט: „זוכט", ווייל קיין געווער איז ביי מיר קיינמאָל ניט געווען. די איינציקע קאָמפּראָ־מיטירנדיקע זאַך איז גראָד געלעגן אָפן אויפן טיש — אַן אָפענער בוך פון לענין — „וואָס צו טאָן", וועלכן כ'האָב נאָר וואָס אַליין געבראַכט אין הויז און אָנגעהויבן עס צו לייענען. ס'איז געווען נאָך גאָר אַ נייער, דיקער אומלעגאַלער בוך, געדרוקט אין אויסלאַנד, און אויפן שער־בלאַט איז געשטאַנען אַן אויסגעטראַכטער פון דער הפטורה פּעטערבורגער אַדרעס און נאָמען פון אַ בוך־פאַרלאַג. געשריבן

איז דאָס ווערק געווען אין אַ שווערער, האַמעטנער רוסישער שפּראַך — ממש אַ טערקיש־לשון פאַר אַן איינפאַכן פּאָליציי־מאַן. האָב איך געהאָפט, אַז זיי וועלן ניט וויסן וואָס דאָס בוך איז, און דאָס וועט מיר דורכגיין. האָב איך בכיוון דאָס בוך ניט צוגעמאַכט, נאָר עס געלאָזן אָפן אויפן בלעטל וואָס איך האָב בשעת־מעשה געהאַלטן אין לייענען. דער פּריסטאַוו האָט אַריינגעקוקט אין בוך, גע־פּרוּווט דורכלייענען די רוסישע ווערטער און שיער די ציין זיך ניט צעבראָכן. האָט ער, אַ פאַרשעמטער, אַ מיש געטאָן דעם שער־בלאַט, איבערגעלייענט דעם נאָמען און אַדרעס פון דעם פּעטערבורגער פאַרלעגער, און אַז ס'איז דערלויבט געוואָרן פון דער צענזור, האָט ער צוריקגעעפנט דעם בלאַט, וואו ער האָט גע־האַלטן אַ פינגער, און דעם בוך געלאָזן ליגן אויפן טיש. די פּאָליציי איז אָנגע־גאַנגען מיט דער זוכונג פון דער גאַנצער הויז, צו וואָס זיי האָבן גאָר קיין שום רעכט ניט געהאַט. דאָס האָט געדויערט מער ווי אַ שעה צייט. געפונען האָבן זיי ביי מיר אין צימער צוויי ראַקעטעס (פייערווערק), שטייענדיק אין אַ ווינקל. זיי האָבן זיך ביי מיר אָפּגעשטעלט פון לעצטן זומער, ווען זיי האָבן געזאָלט דינען ווי אַ וואָרנונג צו די „מאַסאָוקעס" (מאַסן־פאַרזאַמלונגען), אַז מ'האָט זיי „דערשמעקט", און ס'קומט אָן אַ סכנה. און אַז כ'האָב עס ניט געדאַרפט באַנוצן, און אַ לעגאַלע זאַך איז עס, האָב איך עס ניט אַרויסגעראַמט פון שטוב. איצט, האָט דער פּריסטאַוו אין די ראַקעטעס געפונען אַ סיבה מיך צו אַרעסטירן, און נעמען מיך, צוזאַמען מיט די ראַקעטעס, אין פּאָליציי־ביוראָ. כ'האָב ניט געוואָלט מיטן פּריסטאַוו לאַנג זיך אַמפּערן און בין געגאַנגען אין „פּאָליציי", כדי וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פון לעניִנס בוך, וואָס איז געבליבן אַן אָפענער אויפן טיש אין מיין צימער. קומענדיק מיט דער פּאָליציי אין „אוטשאַסטאָק" האָב איך דאָרט געפונען שוין אַ היפּשע פאַרזאַמלונג פון אונדזער אייגענער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע, אַ פּאָר פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד" און אויך אייניקע וואָס איך האָב ניט געקענט און ניט איינער פון די פּראָפעסיאָנאַלן. דערפון האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז צו מיין אַרעסט האָט געפירט די פּראָוואָקאַציע פון איינעם אַן אינטעליגענט, וואָס האָט געהאַט נאָר ווייטע באַציאונגען מיט דער אָרגאַ־ניזאַציע, און האָט זיך געדרייט נאָר צווישן די מיטגלידער פון דער פּראָפּאַ־גאַנדע־קאָמיסיע. שפּעטער, ווען מען האָט נאָך 6 חדשים אַרעסט מיך באַפרייט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין השערה איז געווען אַ ריכטיקע.

די אַרעסטירטע פון יענער נאַכט האָט מען אַלע אַריינגעשפּאַרט אין „קאָזע" — אַ 40 מענטשן אין אַ קליינעם רוים. וועגן שלאָפן אין אַזאַ „צימער", האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. מיט פאַרגעניגן האָבן מיר דערזען, דורך די דריי פאַרגראַטעוועטע פענסטער, אַז ס'טאָגט שוין און אויפן הויף שטייט אַ מאַסע סאָלדאַטן, די ביקסן צעשטעלט אין „קאָזלעס" און אַליין האָפּקנדיק זיך פון איין פוס אויף דער צווייטער, צו דערוואַרעמען זיך אין 20גראַדיקן (צעלסיוס) פראָסט. איך און נאָך עטלעכע צו מיר האָבן געוואוסט, אַז די סאָלדאַטן שטייען דאָ צוליב דער דעמאָנסטראַציע, וואָס די ביאַליסטאָקער „בונד" אָרגאַניזאַציע

האָט געוואָלט דורכפירן דעם 14טן יאַנואַר, 12 בייטאָג אַלס פּראָטעסט קעגן דער שחיטה אין פּעטערבורג. מיר זיינען אָבער געווען גענייגט צו גלויבן, אַז, צוליב די ביינאַכטיקע אַרעסטן, וועט מען די דעמאָנסטראַציע אָפּלייגן. אויך האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז קיין שפּיאָנען האָבן זיי ניט פאַרשפּאַרט אין קאָזע צוזאַמען מיט אונדז; האָבן מיר באַשלאָסן אויסצוגעפינען, וואָס מ׳גייט טאָן מיט אונדז. אויף מיין אָנשטענדיקער פראַגע ביים „דעזשורנעם אָקאָלאָדאָטשנעם״, וואָס ער גייט, אייגנטלעך, טאָן מיט מיר, האָט ער געענטפערט מיט זידלערייען: „זשיד״ און „זשידאָווסקע מאָרדע״ — „איז דיר נאָך ניט גענוג, וואָס וועגן דיר און דיין גלייכן דאַרף איך און די סאָלדאַטן ניט שלאָפן, זאָל איך נאָך פון דיינעטוועגן גיין און וועקן נאַטשאַלסטוואָ״...

ווי מיר האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט, האָט איינער פון אונדז, וואָס איז גע־שטאַנען אין מיטן צימער, אויסגעשריען:

„זידל זיך ניט, און בעסער גיב אַ רואיקן ענטפער — וואָס דו גייסט טאָן ניט צו האַלטן פאַרשפּאַרט אומשולדיקע מענטשן״. דער אָקאָלאָדאָטשניק האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיטן טיר פון קאָזע, וואוהין מיר האָבן אים אַראָפּגערופן, און אַרויס אין הויף. מיר האָבן באַלד אַלע זיך אַרומגעשטעלט ביים מיטלסטן פענצ־טער, און איך האָב, אין אַ קלינגנדיקן רוסיש, אָנגעהויבן זיך דורכריידן מיט די פאַרביטערטע פון הונגער און קעלט סאָלדאַטן אין הויף, און זיי געפרעגט, צי זיי ווייסן, פאַר וואָס מען האַלט זיי דאָ? זיי האָבן געענטפערט: „צו צעטרייבן אַ דעמאָנסטראַציע פאַר די דערשאָסענע אין פּעטערבורג״. מיר האָבן קיין סך מער ניט געדאַרפט — ס׳איז געקומען העכערע פּאָליציי־נאַטשעלסטווע און אונדז ביסלעכווייז גענומען פירן אין טורמע אַריין, און אויפן פּאָליציי־הויף איז שוין געשטאַנען אַ סאָלדאַטסקע פעלד־קיך און די סאָלדאַטן האָבן געגעסן דעם הייסן אָנבייסן און געלאַכט צו אונדז גוטמוטיק...

אין דער אַלטער קליינער ביאַליסטאָקער טורמע, וואָס איז געשטאַנען אויף ני־קאָלאַיעווסקער (וואַשילקאָווער) גאַס מיט די פאַרגראַטעוועטע פענצטער (אָבער פון וועלכע מען האָט געקענט זען די גאַנצע ברייטע גאַס און פאַרשטיין וואָס גייט אָן אין גאַנצן שטאָט), האָט מען געהאַלטן אין איין ברענגען, אַ שיינע פּאָר טעג נאָך דעם, פּאָליטישע אַרעסטירטע און אָנגעפּאַקט צו 20 ביז 25 מענטשן אין איין צעל. די טורמע איז פול געוואָרן מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע. די דיס־ציפּלין איז באַלד צעבראָכן געוואָרן. דער הויכער ברייטפּלייציקער נאַטשאַלניק פון טורמע, מיט זיין שיינער צעשפּאָלטענער שוואַרצער באַקנבאָרד און גרויסע וואָנצעס, וואָס האָט זיך אין אָנהייב, ווען מ׳האָט אונדז געבראַכט, זיך געהאַלטן ווי דער רוימישער גאָט־יופּיטער אַליין, איז געוואָרן ווייך צו אונדז ווי אַ מאַלינע. די „נאַדזיראַטעלעס״ (שומרים) אַליין פלעגן אונדז דערציילן וועגן די גרויסע סטרייקס וואָס קומען פאָר אין שטאָט און אין גאַנץ רוסלאַנד. מ׳האָט אונדז אַריינגעשיקט אַלע רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן ווי אויך בריוו. מיר האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער מאָגערער שפּייז פאַרן טורמע־דאָקטאָר; האָט ער פאַר־

אָרדנט צו געבן אַלע פּאָליטישע האָספּיטאַל־שפּייז — דאָס מיינט טעגלעך אַ שטיקל פליש מיט זופּ. די צעלעס האָט מען געעפנט פאַר אונדז אויף דעם גאַנצן טאָג און נאָר ביינאַכט פאַרן שלאָף אונדז איבערגעציילט און פאַרשלאָסן די טיר. מיר האָבן געוואוסט, אַז ס׳גייט אָן אַן אמתע רעוואָלוציע אין גאַנץ רוסלאַנד און אין ביאַליסטאָק אויך. מיר האָבן געהאַט פאַרטרעטער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, וואָס זיינען געווען טעטיק אין ביאַליסטאָק, אַנאַרכיסטן אַריינגערעכנט, מיר פלעגן פירן דעבאַטן און דיסקוסיעס. הויכע זשאַנדאַרמסקע גענעראַלן פלעגן אַראָפּקומען פון פּעטערבורג זען און רעדן מיט אונדז. אויך פאַרשיידענע פּאָליציי־נאַטשאַלסטוועס. מיר פלעגן דעמאָנסטראַטיוו ניט רעדן מיט זיי, ניט אויפשטעלן זיך פאַר זיי און ניט ענטפערן אויף זייערע אַלגעמיינע פראַגעס, ביז זיי וועלן אונדז ענטפערן אויף אונדזערע פערזענלעכע פראַגעס: פאַרוואָס מען האַלט יעדן אַרעסטירן מאָנאַטנלאַנג, אָן קיין שום אויספרעגן און אָן באַשולדיקונג־באַווייזן קעגן די מערסטע פון אונדז.

איינער אַ וויצלינג, אַ זשאַנדאַרמסקער גענעראַל, האָט זיך צעוויצלט: אים דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט, אַז גאַר אינגיכן וועלן מיר האַלטן אים אַרעסטירט; און מיר אַלע האָבן, מיט אַ געלעכטער, צוגעשטימט. דערווייל אָבער האָבן מיר געבעטן אים, אַז ער זאָל זען, אַז זיין הינטישער ביאַליסטאָקער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק, גריבאָיעדאָוו, זאָל אַרויסלאָזן באַלד כאָטש די, אויף וועלכע ס׳זיינען ביי אים ניטאָ קיין פאַקטישע באַווייזן. נאָך אָט־דעם שמועס האָט גריבאָיעדאָוו אָנגעהויבן רופן די מענטשן צו זיך ביסלעכווייז אויף אויספרעג. אין מיין פאַל איז עס געווען דער דריטער חודש נאָכן אַרעסט. דער אויספרעג אין תוך איז באַשטאַנען אין דער קשיא: „צו וואָס האָט איר געדאַרפט האָבן די פייערווערק־ראַקעטעס?״ (דערויף האָב איך געגעבן די נאַרישע תשובה, אַז כ׳האָב ליב זומערצייט זיך אַרומצושפּילן מיט לאָזן ראַקעטעס). נאָך דעם אויספרעג האָט מען מיך נאָך געהאַלטן אַרעסטירט ווידער דריי חדשים צייט. דאַן האָט מען מיך אַרויסגעלאָזן אויף פּאָליציי־אויפזיכט, וואָס האָט געהייסן יעדן מאָנאַט צו קומען אין אוטשאַסטאָק צו רעגיסטרירן זיך — און דאָס האָט געמיינט: אָנווייזן וואו מען וואוינט און וואָס מ׳טוט. דער זעלביקער פּאָלקאָווניק גריבאָיעדאָוו איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן אויף טויט דורך אַן אַנאַרכיסט אין גראָדנע — איינער פון די פילע טויט־שטראָפן אויף די הויפּט־שולדיקע אין מערדערלעכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם פון 1—3 יוני 1906.

פון די טורמע־פענצטער האָבן מיר דעם גאַנצן זומער 1905 געהאַלטן אין איין מאַכן טרויער־און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס נאָך די קרבנות, וואָס מען האָט געטראָגן צו קבורה אויף די ביאַליסטאָקער בית־עולמס, הן יידישע, הן קריסטלעכע. אַזוי האָבן מיר געמאַכט אַ טרויער־דעמאָנסטראַציע, ווען מ׳האָט געפירט צו קבורה די קרבנות: די דערשאָסענע דורך דעם מיליטער אין דעם טרויעריק־באַרימטן שבת־נחמו (30טער יולי, 1905).

זייער אָפט פלעגן מיר מיט אַ מעכטיקן אויסרוף פון די טורמע־פענצטער

„סמערט צאַרסקים אָפּריטשניקאַם" (אַ טויט די צאַרישע שומרים־תליונים) באַגעגענען די לוויות פון די דערשאָסענע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי־לייט. די טרומנעס זייערע פלעגן זיין באַדעקט מיט בלומען און די לוויות פלעגן פּאַרקומען אונטערן קלאַנג פון מיליטערישער מוזיק, אָבער אונדזערע אויסגעשרייען האָבן גאַנץ געוויס צעשטערט די פּאַראַדנע געפילן ביי די באַגלייטערס. דעריבער טאַקע האָט מען, גלייך נאָך דער באַפרייאונג, אַריבערגעפירט די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון טורמע אינעם אַרעסטן־הויז אַריין, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון דער טורמע, אָבער טיפער אין הויף, און געווען אָפּגעצאַמט מיט אַהויכער געמויערטער וואַנט אין פראָנט פון גאַס.

ווען איך בין אַרויס פון טורמע, האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צווישן דעם אָפּגעשטאַנענסטן צווייג פון דער אַרבעטערשאַפט — די „פריקאַזשטשיקעס", ד. ה. אָנגעשטעלטע אין די קראָמען און גרעסערע געשעפטהייזער. די אַרבעט איז דאַן אָנגעגאַנגען האַלב־אָפן, מחמת אַרום יענער צייט האָט זיך שוין „געטומלט" אַזוי פיל אין ביאַליסטאָק, אַז אַלע אַרבעטער־פאַכן האָבן געהאַט אָפענע בירזשעס אויף פאַרשיידענע גאַסן, וואו זיי פלעגן אַרומריידן זייערע עקאָנאָמישע ענינים. די פריקאַזשטשיקעס־בירזשע איז געווען אויף דער אויבערשטער גומיענער (קופּעטשעסקע) גאַס, פון באַזאַרנע (מאַרק־פּלאַץ) אַראָפּ. באַלד האָבן מיר דערקלערט אַ סטרייק פאַר אַן 8־שטונדיקן אַרבעטסטאָג און העכערע שכירות, און טאַקע אין צוויי טעג דערגרייכטביידע זאַכן, ווייל געשעפט האָט געבליט דאַן אין ביאַליסטאָק און דער נאָכפרעג אויף ביאַליסטאָקער סחורות (טעקסטיל, לעדער, זייד, זייף און רעשטלעך טוך) איז געווען גרויס, באַזונדערס נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ווען אויסלאַנד האָט געמאַכט שוועריקייטן ביים פאַרקויפן רוסלאַנד סחורה אויף קרעדיט.

אונטערן דרוק פון דער גאָר הויכער רוסישער אַריסטאָקראַטיע און אויך פון אויסלאַנד, באַזונדערס פראַנקרייך, איז צאַר ניקאָלאַי דער לעצטער אַרויס מיט זיין מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער 1905, וועגן אויפרופן אַ פּאַרלאַמענט (גאָסודאַרסטווענע דומע) און געבן דעם פאָלק געוויסע ציווילע פרייהייטן. מען האָט אָבער גלייך געקענט זען, אַז ער מיינט גאָרניט האַלטן וואָרט.

די ביאַליסטאָקער פאַבריקן האָבן דעם 18טן אָקטאָבער זיך צעפייפט גאַנץ פרי, אַרום 9 דעם זייגער, אַלס סיגנאַל צום אָפּשטעלן די אַרבעט; די געשעפטן (קראָמען) האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַ רעש צוצומאַכן, פּאָליציי איז אַרומגעלאָפן און צעקלעפּט און צעטיילט דעם מאַניפעסט איבער אַלע גאַסן. דער טאָג איז געווען אַ וואונדער־שיינער, אַ וואַרעמער, וואָס טרעפט זיך ניט אָפט אינמיטן אָקטאָבער אין ביאַליסטאָק. די גאַנצע שטאָט, קינד און קייט, איז געווען אין גאַס, צו זען וואָס עס קומט פאָר. אַפילו גויים, וואָס פלעגן ניט נעמען קיין גרויסן אָנטייל אין די פּאָליטישע געשעענישן פון שטאָט, זיינען אַרויס אַלע אינדרויסן, מענטשן, ווילד פרעמדע, האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, צעקושט און געלאָפן זען און לעזן מיט די אייגענע אויגן דעם מאַניפעסט אַ געדרוקטן.

מען איז געלאָפן זען צי די פאַבריקן שטייען טאַקע. די איינציקע רוסישע צייטונג אין שטאָט איז צעכאַפּט און ממש צעריסן געוואָרן אויף שטיקער.

איך אַליין בין צוגעגאַנגען צו לייזער הענדלערס פאַבריק אויפן ראָג פון גומיענער (קופּעטשעסקע) און יוראָווועצער (פּאָטשטאָווע) גאַס און, דערזעענדיק דעם גרויסן המון און דערהערנדיק די שטאַרקע קולות, געראַטעוועט אַ „פּאָלי־צייסקין", וואָס איז געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען „וואָנצי דאָ גורי" (די וואָנצעס אַרויף), אַ גרויסער איינשטעלער, וועלכער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן המון מיט זיין אַנטבלויזטן שווערד. די מענטשן האָבן אים געוואָלט לינטשן, פאַרוואַרפן מיט שטיינער, האָב איך קוים זיך אָפּגעבעטן פאַר אים, מ'זאָל אים לאָזן לעבן.

אַן אומגעהייערע מאַסע מענטשן איז אַוועק צו דער טורמע און „אַרעסטאַנטעם הויז" זען ווי מ'וועט באַפרייען די „פּאָליטישע". ביידע פלעצער זיינען שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקן פּאַטרול פון סאָלדאַטן. די אָפיצירן האָבן געמאָלדן דעם עולם, מ'זאָל זיך צעגיין, ווייל — אַזוי שנעל ווי דער „אָרדער" וועט קומען — וועלן די אַרעסטירטע אַרויסגעלאָזן ווערן. דער המון האָט ניט געוואָלט וואַרטן און גענומען ברעכן די טויערן. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן פייערן זאַלפּן. די מאַסע איז זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, נאָר אַ שפּאַר ביסל זיינען געבליבן ליגן, געטראָפן פון די קוילן. אַזוי האָט זיך דערוויילע געענדיקט די שמחה מיט דער קאָנסטיטוציע אין ביאַליסטאָק.

באַלד האָט מען אַרויסגעזען דעם וואונק פון דער פּעטערבורגער רעגירונג צו דערטרינקען דעם מאַניפעסט, מיט דער קאָנסטיטוציע, אין יידיש בלוט. גלייך טאַקע האָט זיך אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען צעגאָסן איבער דער לענג און ברייט פון „הייליקן" רוסלאַנד — פון אַזאַ יידישער שטאָט ווי אָדעס, אין דער טשערטאַ, ביז אַזעלכע שטעט ווי סאַראַטאָוו און וואָראָנעזש, מחוץ דער „טשער־טאַ" (תחום המושב) וואו אַ הייפעלע יידן האָבן געוואוינט.

אין ביאַליסטאָק איז איינער פון די בלוטיקסטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן אין אָנהויב יוני 1906.*)

*) פּרטים וועגן דעם גרויסן פּאָגראָם, מיט אַ גענויער רשימה פון די קרבנות, זען אין פנקס ביאַליסטאָק, באַנד 2, זייטן 117—135.

צוויי פּיאָנערן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק

• פון בנימין שטופּלער (בוענאָס איירעס)

מיר ווייסן אַלע וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע ראָלע די סטודענטן האָבן געשפּילט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד, און וואָס פאַר אַ קרבנות זיי האָבן געבראַכט, מיט זייערע אייגענע לעבנס, אין קאַמף פאַרן פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון יושר און פרייהייט. אָט־דאָס קומט מיר פריער פון אַלץ אויפן זינען, ווען כ׳דערמאָן זיך וועגן ברומערן און רובינשטיינען, וועלכע זיינען ביידע געווען סטודענטן, און וועלכע וועלן, צוזאַמען מיטן געוועזענעם אַרבעטער — דעם מאַסן־רעדנער זיידל, פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין ביאַליסטאָק, אַלס אַפּאָסטאָלן פון אַנאַרכיזם אין די שטורמישע יאָרן 1903—1905.

אין יענע צייטן זיינען בכלל די סטודענטן ניט געווען קיין יונגע לייכטזיניקע בחורים, ווי אַ סך סטודענטן אין די שפּעטעדיקע יאָרן, נאָר ערנסטע און באַוואוסטזיניקע מענטשן. דאָס בלייבן 7־9 יאָר אין דער הויך־שול איז געווען פאַר אַ רוסישן סטודענט אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, ווייל דאָס סטודיום פלעגט אָפט ווערן איבערגעריסן דורך דער רעגירונגס־מאַכט מחמת די באַקאַנטע סיבות, פאַרבונדענע מיטן אָנטייל פון די סטודענטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. גאָרניט זעלטן פלעגט מען אָנטרעפן סטודענטן אַן ערך 30 אָדער אַפילו 35 יאָר אַלט. מ׳האָט אַפילו די אַלטע סטודענטן איראָניש אָנגערופן: „אייביקער סטודענט“...

צו אָט דער אומגעפער קאַטעגאָריע עלטערע סטודענטן האָבן אויך געהערט די צוויי פּיאָנערן פון אַנאַרכיזם אין ביאַליסטאָק, מאָריץ רובינשטיין און גרשון (גרישאַ) ברומער.

מאָריץ רובינשטיין האָט געשטאַמט פון אַ זייער אינטעליגענטער יידישער משפחה, וואָס איז קיין ביאַליסטאָק געקומען פון פּעטערבורג. זיין פאָטער איז געווען אַ געבילדעטער, פאָרגעשריטענער און גוטהאַרציקער מענטש. ער האָט אַמאָל אין ביאַליסטאָק פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ דירעקטאָר פון דער גרויסער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט מיטן נאָמען „ראָסיסקאָיע אָבשטשעסטוואָ“. זיין וואוינונג איז געווען אויף דייטשער גאַס (שפּעטער קילינסקעגאָ) אין מאָעסעס הויז. דער פאָטער רובינשטיין האָט אַלע זיינע דריי זין געגעבן העכערע בילדונג, און אַלע דריי האָבן זיי גענומען אַן אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. באַזונדערס האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט זייערע אַקטיוויטעטן מאָריץ

און זיין עלטערער ברודער, איליאַ, וועלכער האָט זיך אין 1907, צוזאַמען מיט זיין פרוי, באַזעצט אויף שטענדיק אין מאָסקווע. (זיין פרוי, אַננאַ שערעשעווסקי, איז געווען די שוועסטער פון דער באַוואוסטער ביילקע שערעשעווסקי, וואָס איז, פאַר איר רעוואָלוציאָנער־טעראָריסטישער טעטיקייט הינגעריכטעט געוואָרן אין קאַטערינאָסלאַוו אין 1905 אָדער 1906). אַ געוויסע צייט איז איליאַ רובינשטיינס פרוי געווען אַ מיטגליד פונם בונדישן קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק.

נאָכן ענדיקן די ביאַליסטאָקער רעאַל־שול, איז מאַריץ רובינשטיין אָנגעקומען אין ריגער פּאָליטעכניקום; אָבער אַלס סטודענט פון לעצטן קורס איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן, פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, פון פּאָליטעכנישן אינסטיטוט אינגאַנצן.

ער קומט צוריק קיין ביאַליסטאָק, און צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער, איליאַ, פירט ער אָן מיט די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזלעך צווישן דער מערדערוואָקסענער שול־יוגנט און דער מער אָדער ווייניקער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער־מאַסע, וואָס געהערט צום „בונד". מאַריץ ר. איז געווען באַקאַנט צווישן דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ אַלס אַן אָנגעזעענער מאַרקסיסטישער טעאָרעטיקער.

מ. רובינשטיין איז געווען גוט באַפריינדעט מיט גרישאַ ברומערן, וואָס איז צו יענער צייט (1901 אָדער 1902) געקומען פון אויסלאַנד, און האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דערציען אין רעוואָלוציאָנערן גייסט די קאַדרען פון דער בעסערער שול־יוגנט פאַרן „בונד". אָבער שוין אין 1903, ווי כ'געדענק, טרעטן זיי ביידע אַרויס פון דעם „בונד" און אָרגאַניזירן באַזונדערע קרייזן פון דער אינטעליגענציע — שילער און אַרבעטער, מיט אַ בפירושן אָפּנייג פון מאַרקסיזם צום אַנאַרכיזם.

זייער טעטיקייט האָט פון אָנהייב געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם רייןטעאָרעטישן כאַראַקטער, אָן וועלכער ס'איז באַשטימטער פּראָגראַם. זיי האָבן פון אַ אַנאַרכיסטישן שטאַנדפּונקט באַקעמפט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. קיין כאַראַקטער פון אַ מאַסן־באַוועגונג האָט לכל הדעות זייער אַרבעט נאָך ניט אָנגענומען, ביז ס'האָט זיך באַוויזן אויפן ביאַליסטאָקער האָריזאָנט זיידל (זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען קאַגאַנאָוויטש). זיידל ווערט צוגעצויגן צו דער אַרבעט פון רובינשטיין־ברומער, און זיי זאַלבעדריט ווערען די הויפּט־זיילן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

רובינשטיין און ברומער גיבן זיידלען די מעגלעכקייטן צו קומען אין באַרירונג מיט די ברייטערע אַרבעטער־מאַסן, שאַפן אַלע טעכנישע און מאַטעריעלע מיטלען, וואָס זיינען נויטיק פאַר אַן אונטערדריקטער באַוועגונג, און הייבן אָן געמיינזאַם צו פאַרשפּרייטן די לערע פון אַנאַרכיזם, צווישן אַרבעטער־מאַסן און אינטעליגענץ, אונטערן נאָמען פון דער ערשטער ביאַליסטאָקער גרופּע פון רעוואָלוציאָנערע אַנאַרכיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן: „באָרבאַ"

(קאַמף). דאָס האָט געמוזט זיין אין פרילינג 1903, ווען זיידל איז געקומען קיין ביאַליסטאָק פון לאָנדאָן.

רובינשטיין איז, וועגן אַ געוויסן דעפעקט פון זיין לשון, קיין מאַסן־רעדנער קיינמאָל נישט געווען. ער האָט זיך אָממייסטן אָפּגעגעבן מיט טעאָרעטישע און ליטעראַרישע אַרבעטן. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע גייסטיקע פעאיקייטן, שפּראַכקענטעניש, און איז בכלל געווען אַ זייער ליבלעכער און סימפּאַטישער מענטש. עס קען קיין ספק נישט זיין, אַז ער איז געווען אַן אידעאַליסט און אַ זייער איבערגעגעבענער טוער מיט די בעסטע כוונות.

עס האָט אים אָבער אין זיין ראָלע פון אַ רעוואָלוציאָנערן טוער געפעלט די זעלבסטשטענדיקייט און די האַרטקייט פון כאַראַקטער, אין פאַרגלייך מיט זיין חבר ברומער. אָט־דער פעלער האָט זיך אָפט אַרויסגעוויזן אין זיינע וואַקלענישן בנוגע פאַרשיידענע פראַגן און באַשלוסן, און סוף כל סוף האָט עס דערפירט צו דעם, אַז ער, רובינשטיין, איז זיך צעגאַנגען מיט ברומערן, וועלכער איז געשטאַנען אונטערן אַבסאָלוטן איינפלוס פון שוין דערמאָנטן זיידל. נאָך אַ צוזאַמענאַרבעט פון עטלעכע חדשים צייט, האָט רובינשטיין זיך אינגאַנצן אָפּגעטרייסלט פון זיידלען.

צו דער צייט זיינען ברומער און נאָך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע טוער שוין געווען אַרעסטירט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע רעפּרעסיעס מצד דער ביאַליסטאָקער זשאַנדאַרמעריע. אומגעפער אָנהייב 1905 איז רובינשטיין אָפּגעפאָרן פון ביאַליסטאָק, און אַ קורצע צייט שפּעטער געלינגט אים צו אַנטרינען קיין אויסלאַנד. אין 1908 טרעף איך זיך מיט רובינשטיינען אין פּאַריז. ער האָט זיך דאָרט באַזעצט און פאַרענדיקט זיין בילדונג אין פּאַסטער־אינסטיטוט, פון וועלכן ער איז שפּעטער אויך געוואָרן אַ דאָצענט. אין פּאַריז איז רובינשטיין, ווייזט אויס, ווייטער געשטאַנען אין נאָענטע באַציאונגען מיט אַנאַרכיסטישע טוער.

זייענדיק אין זיידלען שטאַרק אַנטוישט, האָט רובינשטיין, ווי איך דערמאָן זיך, דאָך זייער באַדויערט זיין צעגיין זיך מיט ג. ברומערן. אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. דער אַנאַרכיסט ברומער האָט שוין געהאַט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם אין די קאַזעמאַטן פון פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג אין פּעטערבורג, וואו מ'האָט אים פאַרמאַטערט צום טויט.

עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אַז ווען ניט דער ריס צווישן רובינשטיינען און ברומערן, וואָלט דאָס קאַפּיטל וועגן אַנאַרכיזם און דער געשיכטע פון דער ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים, און עס וואָלט זיך אָפּגעשטעלט פון אָט־דעם קאַפּיטל אַ מער אָנציענדיקער איינדרוק.

2.

גריגאָרי ברומער („באָריס") איז זיכער געווען איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע פיגורן אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין

ביאַליסטאָק (און אפשר אין גאַנץ רוסלאַנד) אין די יאָרן 1903—1905. ער איז אַלט געווען דאַן אַ יאָר 30־31. ער איז געווען אַ ביאַליסטאָקער געבוירענער. זיין פאָטער, שמואל ברומער, האָט זיך באַשעפטיקט מיט פּריוואַטער אַדוואָקאַטור, און איז אויך געווען „סטאַראָסטע" פון דער אַמאָליקער רוסישער „מעשטשאַנסקער אופּראַווע" אין ביאַליסטאָק ביז 1905. דערנאָך איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון זיין אַמט, מחמת דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון זיינע קינדער. שמואל ברומער איז געווען פון די אָנגעזעענע ביאַליסטאָקער בעלי־בתים, און אַ גבאי אין דער כאָר־שול „עדת ישורון" אויף נאָוואָליפּע.

גרישאַ ברומער האָט שטודירט פילאָזאָפיע אין הײדלבערג, דייטשלאַנד. אָבער זיין לונגן־קראַנקהייט האָט אים געשטערט צו פאַרענדיקן זיין שטודיום אויף ד"ר פילאָזאָפיע. ער איז צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק, דוכט זיך, אין 1902־1903, שוין אָן אָנגעזאַפּטער מיט אַנטימאַרקסיסטישע טענדענצן אין אַנאַרכיסטישן גייסט.

פון אויסלאַנד האָט ברומער מיטגעבראַכט מיט זיך אומלעגאַלע ליטעראַטור, ביכער און זשורנאַלן, אָנהייבנדיק מיט קראָפּאָטקינס „כליעב אי וואָליאַ" און ענדיקנדיק אַפילו מיט מאַקס שטירנערס (דער אַנאַרכיסט־אינדיווידואַליסט) „דער איינציקער און זיין אייגנטום".

די ערשטע צייט נאָך זיין צוריקקער פון אויסלאַנד האָט ברומער נאָך מיטגעאַרבעט מיט די ס.ד. דעמ. ריכטונגען און מיטן „בונד", און אָנגעפירט מיט אומלעגאַלע קרייזלעך. אָבער קורץ נאָכדעם האָט ער, אויף אַ פאַרבאָרגענעם אופן אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אויך די נייע אין יענער צייט אין ביאַליסטאָק אידעאָלאָגיע פון אַנאַרכיזם־קאָמוניזם, מיט וועלכער ס'האָבן זיך פאַראינטערעסירט רובינשטיין און נאָך אַ פּאָר חברים ברומערס.

אין 1902־1903, נאָך אײדער זיידל האָט זיך באַוויזן אין ביאַליסטאָק, הייבט אָן ברומער, צוזאַמען שוין מיט רובינשטיינען, אויף אַ מער ענערגישן אופן, אַרויסטרעטן קעגן מאַרקסיזם, דערהויפּט דורך וויכוחים מיט די „בונדיסטן", ביי דער אָנוועזנהייט פון ווייניק צוהערער. דאָך געפינען שוין די „נייע" (אַנאַרכיסטישע) געדאַנקען אַן אָפּקלאַנג, אין דער ערשטער ריי צווישן דער שול־יוגנט און דער אינטעליגענציע.

אין 1903 איז דער „בונד" געווען אַלמעכטיק אין ביאַליסטאָק: מיטן אַריינגעמען אין זיין פּראָגראַם די „נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע", האָט דער „בונד", אונטער דער פירערשאַפט פון באַוואָוסטן ב. ווירגילי־כהן (ווילנע), דאָמינירט איבער אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, און זיין פּרעסטיזש איז געוואַלדיק אויסגעוואָקסן צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט אין ביאַליסטאָק. דאָס האָט זיך אָבער ראַדיקאַל געביטן אין 1904־1905, און אָט ווי אַזוי די ענדערונג איז פאָרגעקומען.

פונם ענין אַנאַרכיזם האָט דער „בונד" ביז דאַן גאָר אַ קנאַפּן וועזן געמאַכט, און אַלנפאַלס קיין שום געפאַר פאַר זיך נישט געשפּירט אין דער

אַפּיקורסות פון ברומערן און רובינשטיינען. זייערע טעאָריעס זיינען נאָך כמעט ווי נישט דערגאַנגען צו די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן. לויט דער מיינונג פון „בונד״, איז דער אַנאַרכיזם געווען „פרעמד דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט״. און די בונדיסטן האָבן אויפן אַנאַרכיזם קיין אַכט ניט געלייגט, פּונקט ווי ס'האָט זיי וויניק געאַרט די קנאַפּ־אָנזעעוודיקע אין ביאַליסטאָק טעטיקייט פון די רוסישע ס. ד. און ס. ר. פּאַרטייען, אָדער פון פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. *)

אין אַזאַ אַטמאָספערע האָבן ברומער און רובינשטיין אויף אַ ניט אינגאַנצן אַ זיכערן אופן, אָבער פעסט איבערצייגטע, אָנגעהויבן לייגן דעם פונדאַמענט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק. זי האָט, אומגעריכט, מיט זיידלס קומען צוריק פון לאָנדאָן קיין ביאַליסטאָק, אָן ערך סוף 1902, אָנגענומען די פאָרמען פון אַ מאַסן־באַוועגונג, אַרויסרופנדיק אַ צעטרייסלונג אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין און אַרום ביאַליסטאָק.

עס זיינען, אמת, שוין דערגאַנגען קיין ביאַליסטאָק, צו יענער צייט, אומקלאָרע ידיעות וועגן אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין דרום־רוסלאַנד (אָדעס א. אַ. שטעט), אָבער קיין שייכות און פאַרבינדונג מיט ביאַליסטאָק האָבן זיי נאָך ניט געהאַט. זייער שטעלונג צו די צייט־פראַגן און טאַקטיק זיינען אויך געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק.

ווען זיידל האָט זיך באַוויזן אויף סוראַזער גאַס (הויפּט־צענטער פון דער ביאַליסטאָקער יידישער רעוואָלוציאָנערער און אַרבעטער־באַוועגונג) האָט ער געצויגן אַ קנאַפּע אויפמערקזאַמקייט אַפילו צווישן די איינצלנע אַרבעטער וואָס האָבן אים געקענט, און מיט וועלכע ער איז אין אָנפאַנג געקומען אין באַרירונג. ערשטנס, האָט מען זיך געשראָקן פאַרן וואָרט „אַנאַרכיזם״, וועלכן די בירגערלעכע פּרעסע האָט געשילדערט פאַר די לייענער־מאַסן אין די גרויליקסטע קאָלירן. צווייטנס, האָט זיידל אַליין פון זיך אָפּגעשטויסן די פיינער פילנדיקע מענטשן מיט זיין אומטאַקטישקייט און זידלערייען.

ערשט אַדאַנק ברומערן האָט די זאַך זיך גרינטלעך געביטן. ברומער, פּונקט ווי רובינשטיין, איז קיין מאַסן־רעדנער נישט געווען. האָט ער אויפגענומען זיידלען ווי אַ גרויס געווינס און האָט אים באַלד געגעבן דעם ריכטיקן שטויס פאָרויס. ער האָט אין אים דערזען דעם מענטשן, דורך וועלכן ער וועט אפשר קענען באַקערן די אַרבעטער־מאַסן צום אַנאַרכיזם.

---

*) אין יענער צייט איז געווען טעטיק אין ביאַליסטאָק דער „איסקראַוועץ״, ד״ה. רוסלענדישער סאָצ. דעמאָקראַט, סאַוועלי וואָלאָך, ברודער פון מאַקסים ליטווינאָוו־וואַלאַך. סאַוועלי וואַלאַך האָט אייגנטלעך אָרגאַניזירט די ערשטע באַוואוסטע פּאָליטישע דעמאָנסטראַציע אין טעאַטער „האַרמאָניע״ (אין 1900 אָדער 1901) בעת מ'האָט געשפּילט מאַקסים גאָרקיס „מעשטשאַניע״. עס זיינען דאָרט פאָרגעקומען גרויסע אַרעסטן; צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אַננאַ ראָזענטאַל און אַנדערע באַוואוסטע סאָציאַליסטן־בונדיסטן א. אַ.

עס זיינען באַלד אַרויסגעלאָזן געוואָרן אייניקע העקטאָגראַפירטע אויפרופן צו אַלע אַרבעטער, אין יידיש און רוסיש. קורץ נאָך דעם איז אויך פאַררופן געוואָרן אין וואַלד אַ גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער און אינטעליגענציע, וואו ס׳זיינען אויך געווען אַנוועזנדיק בונדיסטישע פאַרשטייער.

די פאַרזאַמלונג האָט אָנגעמאַכט אַ רושם. זיידל איז דאָן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער בונדיסטישער העגעמאָניע אין ביאַליסטאָק, אַרויסגעטראָטן אויף אַ מאַסן-מיטינג פון יידישע אַרבעטער מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן מעכטיקן „בונד", באַנוצנדיק אַ גאַנץ שאַרפע שפּראַך, אויף זיין שטייגער. מיט זיינע פלאַמיקע פראַזן און שניידיקע באַווייזן האָט ער אָנגעצונדן אַ פייער אין די הערצער פון די מער פאַרביטערטע אונטערדריקטע אַרבעטער, וועלכע ער האָט גערופן צו אַ באַלדיקן אָפענעם קאַמף קעגן דעם שטאַט און דער געזעלשאַפט בכלל. עס האָט זיך אויך פאַרוויקלט אויף דער מאַסן-פאַרזאַמלונג אַ הייסע דיסקוסיע צווישן די בונדיסטן און אַנאַרכיסטן. זיידל האָט אָבער, אויף זיין שטייגער, „צעקלאַפּט" און אויסגעלאַכט די טעאָרעטישע רעדעס פון די בונדישע טוער, וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ אַטאַקע ניט געריכט. אַ צאָל אַרבעטער, אומצופרידענע מיט דער מעסיקייט פון „בונד" און די סאָצ. דעמאָקראַטן, און אויך ניט ווייניק פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענציע, זיינען צוגעשטאַנען צו די אַנאַרכיסטן.

אויף אַזאַ אופן איז אַנטשטאַנען די ערשטע אַנאַרכיסטישע גרופּע, די אויבן-דערמאָנטע „באָרבאַ", פון וועלכער זיידל איז געווען דער הויפּט-אַגיטאַטאָר, און ברומער — דער טעאָרעטיקער און גייסטיקער פירער.

זיידל איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע בייסיקע רעדעס אויף שטורמישע אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען, און ברומער מיט רובינשטיינען האָבן געפירט אַן אויפקלערונג-אַרבעט צווישן זייערע אָנהענגער, אויף דער באַזע פון קראָפּאָטקינס זשורנאַל „כליעב אי וואָליאַ" און רודאָלף ראָקערס לאָנדאָנער „אַרבעטער פריינד". זיי פלעגן איבערדרוקן אויפן העקטאָגראַף פון אָט-די צוויי זשורנאַלן געוויסע אַרטיקלען, און אַפילו גאַנצע בראָשורן, ווייל אין זייער רשות האָבן זיי געהאַט אַ זייער באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער אויסלענדישער אַנאַרכיסטישער פרעסע און ליטעראַטור.

ברומערן איז שפּעטער געלונגען צו באַקומען פון אויסלאַנד אַ גרעסערן טראַנספּאָרט געדרוקטע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור, און ס׳איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די טעטיקייט פון דער גרופּע, וועלכע האָט שוין געפירט אַן אַגיטאַציע אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך: גראָדנע, קרינעק, סמאָרגאָן, סאָקאָלקע, א. א. וו., וואו ס׳האָבן זיך אויך געשאַפן באַזונדערע גרופּעס.

אין מיטן אָדער סוף 1904 פאַרנעמט זיך שוין די ביאַליסטאָקער גרופּע מיט דורכפירן סטרייקס פון פאַבריק- און וואַרשטאַט-אַרבעטער, און פּלאַנעוועט אויך טעראָריסטישע אַקטן, באַזונדערס קעגן דער פּאָליציי, וועלכע האָט אַכזר-

יותדיק געראַדפּט די אַרבעטער. אַזעלכע אַקטן האָבן שוין דורכגעפֿירט אין ביאַליסטאָק די פּאַרטײ־מענטשן פֿון דער סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן באַוועגונג, אָבער דער „בונד“ איז געווען קעגן טעראָר (מיט געוויסע אויסנאַמען, ווי הירש לעקערטס אַקט אין 1902 קעגן ווילנער גובערנאַטאָר, וואַל). אַדאַנק אַזאַ טאַקטיק פֿון „בונד“ שטייען צו צום אַנאַרכיזם יענע אַרבעטער, וואָס שטרעבן, מחמת נקמה־געפֿיל אָדער פּאַרביטערונג, צו לייזן, מיט געווער אין האַנט, די אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פֿון פּראָלעטאַריאַט. במילא וואַקסט די גרופּע מיטן צושטראָם פֿון אַט־די און אַנדערע אומצופֿרידענע עלעמענטן.

מיט זײַנע פֿלאַכע אַגיטאַציעס האָט זיידל, דעם אמת געזאָגט, ניט איין מאָל איבערגעטראָטן די גרענעץ פֿון דערלאָזבאַרקייט, און די ביטערע פּרוכטן דערפֿון האָבן זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער און געפֿירט צו אַ גײַסטיקער ירידה. אויך זײַן באַציאונג צו די אַרבעטער גופֿא איז ניט שטענדיק געווען אַ גאַנץ חברשע און קאָרעקטע.

ס'זײַנען אויף אַט־דעם באָדן אַנטשטאַנען קאָנפֿליקטן צווישן ברומערן, וועלכער האָט געהאַט אַן אידעאַליסטישן צוגאַנג און אַ ניכטערן קוק אויף דער באַוועגונג, און רובינשטיינען. און דאָס האָט געפֿירט דערצו, אַז ברומער האָט זיך אויך מיט זיידלען צעגאַנגען.

זיידל, ווידער, האָט איבערגעצויגן רובינשטיינען אויף זײַן זײַט. אויס כאַראַקטער־שוואַכקייט האָט דער איידעלער מאָריץ רובינשטיין זיך ניט געקענט אַנטשליסן צו האַלטן זיידלען, מיט זײַן היציקן טעמפּעראַמענט, געצוימט און אים פֿאַרהיטן פֿון שוין צו אַוואַנטוריסטישע טריט און נייגונגען. האָט זיידל, טאַקע נאָך ברומערס אָפּטרייסלען זיך פֿון אים, געגרינדעט אַ באַזונדערע גרופּע אין ביאַליסטאָק, און דערנאָך אויך אין אַנדערע שטעט. סוף 1904 זײַנען שוין געווען צווײ גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אַפֿילו קעגנזײַטיק באַקעמפֿט. דאָס האָט אייגנטלעך געגעבן דעם ערשטן שטויס צו דעם, אַז דער אין אָנהייב טעאָרעטישער אַנאַרכיזם אין ביאַליסטאָק האָט זיך אָפּגענייגט פֿון זײַן ליניע און איז אַרויף אויף אַנדערע רעלסן. שפּעטער האָט אויך מיטגעווירקט צו דעם געשאַפֿענעם כאַאָס דער אַרעסט פֿון ברומערן מיט זײַן שטאַב.

ברומער איז נאָך אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 1904 געקומען אין אַ קאָנטאַקט מיט אייניקע גרופּעס אין דרום־רוסלאַנד. גראָד ווען אַ פֿאָרשטייער פֿון אָדעס איז געקומען צו אונדז קיין ביאַליסטאָק, צו אָרגאַניזירן אַן אומלעגאַלן דרוק, איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער „דורכפֿאַל“ פֿון ברומערס גרופּע. צופֿעליק זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אין ברומערס דירה ברומער אַליין, זײַן ברודער, דער גאַסט פֿון אָדעס און נאָך עטלעכע, צווישן זיי אויך בערל ראַקאָווסקי, וואָס איז געווען אַ באַקאַנטער טעראָריסט מיטן נאָמען „פֿראַנצויז“, און וועלכער האָט זיך, אין 1908, אין פּאַריז גענומען דאָס לעבן.

מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער זײַנען אַלע אַרעסטירטע, אויסער גאַסט פֿון אָדעס, באַפֿרייט געוואָרן פֿון טורמע, אָבער שוין ניט אויף לאַנג (דעם

פאַרבליבענעם אונטער אַרעסט אָדעסער טוער האָט מען געהאָלפן, אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן, צו אַנטלויפן פון דער ביאַליסטאָקער טורמע).

אין 1905, ווען ברומערס טעטיקייט האָט אָנגענומען איר ברייטסטן פאַר־נעם, ווערט ער ווידער אַרעסטירט, און צוזאַמען מיט אים זיינע נאָענטסטע חברים. ברומער ווערט אָפּגעשיקט קיין פעטערבורג, אַריינגעזעצט אין פעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג, און דאָרט, אין אייניקע חדשים אַרום, געפינט ער דורך אינקוויזיציע־פּייניקונגען זיין טויט.

ברומער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אידעאַליסט, אַ מענטש מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן ברען, מיט אַ ריינער פאַנטאַזיע, שטאַרקן כאַראַקטער און אַן וועלכע ס'איז סימנים פון עגאָאיסטישע אַמביציעס. ער האָט געהאַט אַ סך בילדונג און אינטעליגענץ און האָט אַרויסגעוויזן צו יעדן ליידנדיקן מענטשן אַ זעלטן וואַרעמע באַציאונג.

נאָך ברומערס טויט שאַפן זיך אין ביאַליסטאָק אַסך אַנאַרכיסטישע גרופּעס, יעדע איינע מיט איר אייגענעם איינזען און געשמאַק, ניט פונאַנדער־קלייבנדיק זיך אין די פּראַקטישע מיטלען. די אַנאַרכיסטישע לערע ווערט פון זיידלען און אַנדערע פאַלש אויסגעטייטשט, און דער טעראָר גייט אויפן וועג פון קלענסטן ווידערשטאַנד. די עקספּראָפּריאַציעס הייבן ניט זעלטן אָן אָנצונעמען די פאָרמען פון רויבערייען און אַ כאַראַקטער פון גנבה. די שולד פאַר אַזוינע מיאוסע מעשים האָט מען טעותדיק צוגעשריבן אַלע אַנאַרכיסטן, עס האָט געליטן במילא פון דעם דער אָנזען פון דער באַוועגונג אין די אויגן פון ביאַליסטאָקער פּראָלעטאַריאַט.

אין זכרון פאַרבלייבן דאָך, ווי אומבאַפלעקטע קעמפער, די באַזונדערע אַנאַרכיסטן־אידעאַליסטן און אַפילו פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן קיין שייכות ניט געהאַט צו דער ירידה און דעמאָראַליזאַציע. דער גרעסטער טייל פון די אידעאַליסטן, אמת, האָבן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, און זיינען שפּעטער אומגעקומען אין דרום־רוסלאַנד און אין אויסלאַנד (ווי לאַפּידוס־סטריגאַ, אין פּאַריז) מיט אַ העלדישן טויט.

אַנדערע פון דער קאַטעגאָריע זיינען אויך פאַרבליבן נאָך דער רעוואָלוציע אין ביאַליסטאָק און האָבן זיך אויסגעמישט מיט די לינקע ס.ר.׳ן, אָדער זיינען געוואָרן לחלוטין אומאַקטיוו.

סוף 1905 אָדער אָנהייב 1906 איז אַ געוועזענער אַקטיווער טוער און נאָענטער מיטאַרבעטער ברומערס, שמואל פראַנקפורט, אַ וועבער־מייסטער, געוואָרן אויסגעקליבן אין ביאַליסטאָקער „ראַט פון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן״. ער איז געווען זייער באַליבט ביי די ביאַליסטאָקער אַרבעטער פון אַלע ראַדיקאַלע פּאַרטייען און האָט קיין שייכות ניט געהאַט מיט די קאָמפּראָמיטירטע עלעמענטן צווישן די רעוואָלוציאָנערן. ער איז זיכער געווען אַ זייער עטישער, באַוואוסט־זיניקער און אינטעליגענטער מענטש.

אַדאַנק זיין אינטערעסאַנטן אויסערלעכן אויסזען, איז אים פיל מאָל געלונגען אַריבערצופירן פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד אומלעגאַלע ליטעראַטור, ניט אַרויסרופנדיק קיין שום חשד ביי דער גרענעץ־וואַך און זשאַנדאַרמעריע.

שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין מאָסקווע און געוואָרן אַ לערער אין אַ האַנטווערקער־שול. זיין ווייטערדיקער גורל איז מיר לײדער ניט באַקאַנט.

פון דער רעדאַקציע:

אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם אויפקום און אונטערגאַנג פון דער שטורעמדיקער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין דער יידישער ביאַליסטאָק האָט אָנגעשריבן הערמאַן פראַנק, אין 45־יאָריקן יובילײ־בוך פון בר. 88 אַרב. רינג (ניו־יאָרק, 1950). דער מאַטעריאַל פאַר יענער פאָרשונג־אַרבעט איז צום גרעסטן טייל געשעפּט געוואָרן פון אַ ווייניק באַקאַנטן מקור (אין רוסיש): „אַלמאָנאַך־זאַמלבוך צו דער געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד", ב׳ 1 (פּאַריז, 1909). דאָרט געפינט זיך וועגן ביאַליסטאָק אַ היפּש־לאַנגער אַרטיקל מיט אַ ים פּרטים (נעמען, דאַטן, פאַקטן), אונטערגעשריבן „ביעלאָסטאָטשאַנין". לײדער איז נישט געלונגען צו עפענען דעם פּסעוודאָנים. עס קען קוים געמאָלט זיין, אַז דער שרייבער פון אַרטיקל, וואָס איז ביז גאָר גוט באַהאַוונט געווען אין דעם שטאָף וואָס ער גיט, זאָל געווען זיין מאַריץ רובינשטיין, וועלכער זאָל האָבן — ווי פּר׳ ב. שטופּלער — שרייבט — פאַרלאָזן ביאַליסטאָק אין אָנהייב 1905, בעת דער „ביעלאָסטאָטשאַנין" באַמערקט, אין אָנהייב פון זיין העכסט אינפאָרמאַטיוון אַרטיקל, אַז ער איז ערשט אין 1905 אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק.

אפשר איז אַ סברה, אַז יענעם פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט העכסט־וויכטיקן אַרטיקל האָט אָנגעשריבן בערל ראַקאָווסקי, וועלכן פּר. בנימין שטופּלער דערמאָנט, ווי איינעם פון די אָנטיילנעמער פון דער טעראָריסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק אין 1905—1907.

זוכצעטל פון פערזאָנען

א

אוסישקין, מ. 23
אחד העם 23, 34
אייזנשטאַט, יהושע 23
אילעוויצקי, צבי 31
אינדיצקי, יחיאל־יצחק 34
איצקאָוויטש, מנחם 31
אליקום־געצל, ר׳ 31, 35, 36
אַמצילאָווסקי, לייב 23
אשכל 34

ב

באַדאַנעס ,משה 19
באַזלינסקי, ג. 23
באַיאַרסקי, נ. ה. 34, 35
באַכראַך, יעקב 18
באַרנבוים, אהרן־הערש 37
באַרנבוים, קאדל 37
באַרשטשעווסקי 32
בובליק, גדליהו 31
בולקין, אלחנן 19
בלאָך, נח 23
בן־טובים, יצחק־אייזיק (בנדט) 23, 24
בנדט, יצחק־אייזיק (בן־טובים) 23, 24
בנדט (בענדעט), שלמה זלמן 24
בערגער, י. ל. 23, 34
בערך, מ. מ. 34
בערליאַנד, ש. 23
בערלין, משה 23
בערמאַן, זאב 23
בערנשטיין, כהן, ד״ר 23, 29
ברבש, שמואל 23
ברוידע, יעקב 20
ברומער, גרשון 47—54
ברומער, שמואל 50
ברייטמאַן, ישעיה 23
בריינסקי, צבי־יהודה 16
בריל, יחיאל 20
בריסקין, ל. 23

ג

גאָלדמאַן, יצחק 20
גאָלדשטיין, יחיאל 16
גאָלדשטיין, כאַשע 34
גאָלדשטיין, ניאַניע 16, 22
גאָלדשטיין, פרל. 34
גאַפּאַן, גלח 41
גאַראַדישטיאַן, ח. א. 23
גאַרדאַן, דוד 15, 21
גאַרקי, מאַקסים 51
גודמאַן, דר. יוסף 38
גינזבורג, אשר (אחד העם) 23
גריבאָיעדאָוו 44
גרינבערג, אברהם 23

ד

דאַבסאָן, אויסטין 11
דאַהידסאָן, לייבוש 21
דאַליצקי, מנחם־מענדל 16
דיכס, יעקב 21
דינאָוויטש, מרדכי 19
דרוזדוב, נחמן (דרוזדובסקי) 8, 34
דרוזדובסקי, נחמן, (דרוזדוב) 8, 34
דרויאַנאָוו, א. 12
דריבאַנאָוויטש, דר. 21

ה

האַלבערשטאַם 32
האַלפּערן, העשל 32
האַראַדישטש, אייזיק 30, 32, 33
האַראַדישטש, לעאָן 30
האַראַדישטש, מנחם־מענדל 32
האַראַדישטשש, שמואל 30
האַרקאָווי, אברהם 23
הורוויץ, שמחה־בונים איש הלוי 16
הכהן, מרדכי בן הלל 23
העגדלער, לייזער 46
הערצל, דר. טעאָדאָר 24, 25, 26, 30, 32, 34
הערשבערג, א. ש. 7, 12, 22

ו

וואַל, גובערנאַטאָר 53
וואָלאַך, מאַקסים (ליטווינאָוו) 51
וואָלאַך, סאַוועלי 51
וואָלף, יעקב 16, 22
וואָלקאָוויסקי, יחיאל־בער 13, 18, 35, 37
וואלרויך, קלמן 21
ווארשאַווסקי, י. 33
וויטענבערג, פסח 16
ווילענסקי, דר. 29
ווילענסקי, וואָלף 23
וויסאָצקי, קלמן־זאב 21
ווירגילי־כהן, ב. 50
וועלוועל, דער שוחט 16

ז

זאַבלודאָווסקי, נח 34
זאַמענהאָף, דר. ל. 20
זאַקהיים, חיים־בער 18
זופּניק, א. ד. 31
זיידל דער אַנאַרכיסט (קאַגאַנאָוויטש) 47—53

ח

חיים־הערץ, ר׳ 18
חריזמן, א. מ. 19

ט

טאַבאַליצקי, אבא 37
טאַרטאַקאָווסקי, ש. 23
טובין, געצל 23
טיאַמקין, זאב 23
טרייוויש, לעאָן 33
טשעריקאָווער, חיים 23, 35

י

יאַס־נאַווסקי, ישראל 20, 21, 23, 29
יאַפּע, יצחק 16
יעלין, יהודה־יוסף 16
יעקב בן יעקב 23
יפה, בנימין 25
יפה, לייב 25
ירוחמסאָן, דוב־בער 23

כ

כאַבאַצקי, זיידל 34, 36
כאַזאַנאָוויטש, דר. יוסף 12, 16, 21—24, 37

ל

לאַמפּערט 19
לאַפּידוס־סטריגא 54
לונץ, זאב־וואָלף 21
ליבערמאַן, צבי־הירש 16
ליבקנעכט 39
ליובאַרסקי, אברהם 23
ליובאַרסקי, יעקב 23
ליטווינאָוו, מאַקסים (וואַלאַך) 51
לייבאָוויטש, אברהם 16
ליליענבלום, משה־לייב 23, 24
ליפשיץ, בן־ציון 16
ליפשיץ, דוב 19
ליפשיץ, דניאל 19
ליפשיץ, נח 23
לעוויטע, י. 20
לעווין, דן 16
לעווין, ירוחם 35
לעווינגער 21
לעווין־עפּשטיין, א. ז. 23
לענין, 39, 41
לעקערט, הירש 53

מ

מאַיידאנסקי, מיכל 23
מאַהילעווער, דר. יוסף 12, 25, 26, 29, 30, 36, 37
מאַהילעווער, ר׳ שמואל 12, 17, 18, 20—26, 29, 30, 32, 36
מאַזעס, מ. 21
מאיר שוחט 22
מאזע, יעקב 23
מאירזאָן, י. 20, 21
מאַנדעלשטאַם, פּראָפ. 29
מאַנטעפיאָרע, משה 24
מאעס 47
מאַקאָווער 18
מאַרקס 38
מאַרגאַליס, חיים 16
מאַרקוס, מאיר 13, 16, 22
מונטשיק, אליהו (מרגלית) 31, 34
מושקאַט ח. א. 23
מירקין, כתריאל־צבי 21
מירקין, שלום 16
מעדאָוניק, סענדער (סענדער מירצעס) 18
מעלניק, יוסף 30
מעלניק, נאַטע 30
מרגלית, אליהו (מונטשיק) 31, 34
מרגלית, מנשה 23
מרחביה, י. פ. (ירוחם־פישל שניידער) 8, 31־37

נ

נאַרדוי, דר. מאַקס 25
ניסנבוים, יצחק 24

ס

סאַפּירשטיין,יעקב 15, 16, 17, 20
סוכאָוואָלסקי 19
סוכאָוואָלסקי, הערשל 34
סוכאָוואָלסקי, יוסף 34
סוכאָוואָלסקי, תמימה 34
סולדוכה, יהודה 35
סירקין, יהושע 23
סמאָלענסקין, פּרץ 15

ע

עטינגער, חיים 23
ענגעלס 38

פּ

פּאָגאָרעלסקי, מרדכי 36
פּאַדובא, מרדכי 23

פּאַט אבֿרהמ׳ל 32
פּאַלינקאָווסקי, מרדכי 23
פּאַסטערנאַק, חיים 23
פּאַפּערין, לעאָן 13, 32, 33, 34
פּיטקיס 23
פּינסקער, דר. לעאָן 21, 23, 24
פּינעס, דר. לעאָן 33
פּינעס, פּישל 21
פּיקוס, קלמן 16
פּלעכאַנאָוו 39
פּערל, א. 23
פּריץ, שלמה 23

פֿ

פֿישעראָוויטש, משה 23
פֿראַנק, דר. הערמאַן 11, 36, 55
פֿראַנקפּורט, מאיר (מיירום) 9
פֿראַנקפּורט, שמואל 54
פֿרידלענדער, ש. 21
פֿרידמאַן, דוד 21
פֿריידענבערג, ברוך 16, 21, 22
פֿרייטאַל, זעליג 21

צ

ציפּין, דר. באָריס 13, 38, 39
ציפּין, יעקב 38
ציפּין, פּיניע 38
צעדערבוים, אַלעקסאַנדער 21, 23

ק

קאַאוטסקי 39
קאַגאַנאָוויטש, זיידל 47—53
קאַגאַנאָוויטש, ליפּא (באַדאנעס) 16
קאַמיאַנסקי, מ. 23
קאַפּלאַן, אליעזר 23
קאַפּלאַן, פּסח 34
קאַצמאַן, צבֿי־לייב 23
קאַקעש, דר. 26
קויפֿמאַן 34
קליוואַנסקי, לייב 21
קלעמענטינאָווסקי, דוד 12, 15, 17, 36
קלעמענטינאָווסקי, יהושע־העשל 16, 17, 20, 22
קראַפּאָטקין 52
קרינסקי, יוסף־בנימין 16
קרינסקי, משה 22
קרעטשמער, מנחם־מענדל 16
קרעמענעצקי 32

ר

ראַבינאָוויטש, דר. ישראל־מיכל 21
ראַבינאָוויטש, מרדכי (בן עמי) 23
ראַבינאָוויטש, שאול־פּנחס (שפּ״ר) 20, 21, 22
ראַבינאָוויטש שלום (שלום עליכם) 23
ראָזענטאַל, אַננאַ 51
ראָזענטאַל, ליטמאַן 26, 30, 33, 34, 35
ראָטמאַן, נחום 23
ראָטשילד, באַראָן 20, 28
ראַקאָווסקי, בערל 53, 55
ראַקאָווסקי, שמואל 34
ראַקער, רודאָלף 52
רובינשטיין, איליאַ 48
רובינשטיין, מאַריץ 47—55
רודקאָווסקי, שבתי 16
רױטענבערג, בנימין 21

ש

שאַליט, לייב 21
שאַפּירא, אַהרן־יהושע 16, 22
שאַפּירא, פּייוול 31
שוואַדראָן, דר. 16
שוכמאַן, ראובן 23
שטאַרקמאַט, ירחמיאל 23
שטופּלער, בנימין 13, 14, 47, 55
שטורמאַן, שמואל 16
שטימער, ישראל־חיים 16
שטירנער, מאַקס 50
שילער, דר. שלמה (בלאַנקשטיין) 30
שלום־עליכם (ש. ראַבינאָוויטש) 23
שמיט 32
שניידער, ירוחם־פּישל (י. פּ. מרחביה) 8, 31־37
שנירער, דר. 26
שערעשעווסקי, אַננאַ (רובינשטיין) 48
שערעשעווסקי, ביילקע 48

אינהאַלט

פון „פנקס ביאַליסטאָק" פון א. ש. הערשבערג

(גרונט־מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע ביז נאָך דער
ערשטער וועלט־מלחמה)

אַרויסגעגעבן פון דער
„געזעלשאַפט פאַר געשיכטע פון ביאַליסטאָק"
ניו־יאָרק 1949־1950

אינהאַלט פון באַנד 1

פון די אַרויסגעבער

פון רעדאַקטאָר .... יודל מאַרק

אַ פּאָר ווערטער וועגן מיין פאָטער .... הענעך הערשבערג

אברהם שמואל הערשבערג ז"ל .... ישראל היילפּערין

ביבליאָגראַפיע פון א. ש. הערשבערגס היסטאָרישע
און ציוניסטישע שריפטן .... ישראל היילפּערין

אַ ר י י נ פ י ר

קאַפּיטל איינס ביז זעכצן

1. **איבערבליק איבער דער אַלגעמיינער געשיכטע פון ביאַליסטאָק**
די עלטסטע עפּאָכע (ביז 1665). — די בראַניצקישע עפּאָכע (1665—1795). — די פּרייסישע עפּאָכע (1795—1807). — דער אָנהייב פון דער רוסישער עפּאָכע (1807—1830). — עטלעכע וויכטיקע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון 19 י"ה.

2. **איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער קהילה אין פּוילן בכלל און ביאַליסטאָק בפרט**
דער וווערט פון קהל ביי יידן. — דער אָנהייב פון יידישן ישוב אין ביאַ־ליסטאָק. — די עלטסטע יידישע מקורים וועגן ביאַליסטאָקער ישוב און קהילה. — יידן אין ביאַליסטאָק לויט דייטשע מקורים.

3. **די ביאַליסטאָקער קהילה אונטער דער ממשלה פון די בראַניצקים**

4. **די ביאַליסטאָקער יידן און זייער קהילה אונטער דער צוועלף־יאָרי־קער ממשלה פון פּרייסן (1795—1807)**

5. **וואָס עס דערציילן די אַלטע פּנקסים**

די יידישע געטאָ. — דער פּנקס פון אַלטן בית־מדרש. — חברה נר תמיד און אַנדערע. — חברה שומרים לבוקר. — וואָס מען קען נאָך אַרויס־דרינגען פון די פּנקסים.

6. **די ערשטע רבנים פון ביאַליסטאָק**

7. **אונטער דער הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער 1 און ניקאָלאַי 1**

די זיגזאַגן פון דער יידישער פראַגע. — יידן און רוסיש־פראַנצויזישע מלחמה פון 1812. — דער מצב נאָכן ווינער קאָנגרעס. — העשל מעדאַל־שטשיק. — די שרעקלעכע קאַנטאָניסטן־גזירה.

8. **שטריכן פון יידישן לעבן אין ביאַליסטאָק ביז די 90־ער יאָרן פון 19טן י"ה**

דער עקאָנאָמישער צושטאַנד. — בקור חולים און גמילות חסדים. — תלמוד־תורה. — חברה תורה און חברה חייטים. — אַ משפּט איבער נדן. אַלגעמיינע איינדרוקן.

9. **רעליגיעזע פירערס און גדולי־תורה אין ביאַליסטאָק**

ר' אריה־ליב. — ר' וועלוועלע, דער מראות הצבאות. — ר' אליקום־געצל־מאיר פּאָדראַבינעק. — ר' ליפּעלע. — ר' שמואל מאָהילעווער. — ר' חיים־הערץ הײלפּערין. — דיינים, מגידי מושרים און מורי צדק. — חסידים־גדולי תורה. — ראשי־ישיבה. — שמשים־גדולי תורה.

10. **ביאַליסטאָקער משכילים**

אליעזר האַלבערשטאַם, חיים לובלינסקי, טיפּן פון ביאַליסטאָקער משכילים. — די כּאָרשול אין ביאַליסטאָק. — חיים־זעליג סלאָנימסקי. — דר. איזידאָר זאַבלודאָווסקי. — דר. שלמה שילער (בלאַנקשטיין).

11. **די פּופּציק־יאָריקע הערשאַפט פון יחיאל־בער וואָלקאָוויסקי איבער ביאַליסטאָקער קהילה**

12. **ביאַליסטאָקער רעליגיע אנשטאַלטן: שולן, בתי־מדרשים, מנינים**

13. **פילאַנטראָפּישע אנשטאַלטן אין ביאַליסטאָק**

דער יידישער שפּיטאָל. — די צדקה גדולה. — דער מושב זקנים. — גמילות חסדים. — לינת הצדק און לינת חולים. — די פּאָלקסקיך „תמחוי". — בית היתומות. — ביאַליסטאָקער עולמות.

14. **דערציאונגס־אנשטאַלטן אין ביאַליסטאָק ביז 1914**

דער אַלטער חדר. — חדרים מתוקנים. — די רוסיפיצירנדע לערן־אנ־שטאַלטן. — האַנטווערקער־שול. — יידישע פּראָפעסיאָנעלע פרויען־שול. — די ערשטע יידיש־נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע סינטעז־שולן. — ישיבות און ראשי־ישיבות. — דער ערשטער גן־ילדים אין ביאַליסטאָק.

15. **נאַציאָנאַלע און קולטורעלע חברות און אינסטיטוציעס**

חובבי ציון. — חברה תורה. — ביאַליסטאָקער אָפּטייל פון מפיצי השכלה.

— דער ערשטער ציוניסטישער כאָר. — לערער־און מלמדים־פאַראיין. — קאָמי־פאַראיין. — פאַראיין יידישע קונסט. — די געזעלשאַפטלעכע ביב־ליאָטעק. — חובבי שפת עבר. — ביאַליסטאָקער צייטונגען.

16. **ביאַליסטאָקער פערזענלעכקייטן**

ה ו ס פ ו ת

1. **די ערשטע מקורים אין טיקטינער פנקס וועגן ביאַליסטאָקער קהילה**
2. **דער פוילישער טעקסט פון בראַניצקיס סטאַטוט פאַר ביאַליסטאָקער שול**
3. **נוסחאות פון מצבות**

זוכצעטל פון פערזאָנען און שטעט

אינהאַלט פון באַנד 2

פון די אַרויסגעבער

קאַפּיטל איינס ביז דרייצן

1. **די ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע ביז 1880**

ביאַליסטאָק ווי אַ האַנדלס־צענטער. — דער אָנהייב פון טעקסטיל־אינ־דוסטרי אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן. — די טעקסטיל־אינדוסטרי אין גראָד־נער גובערניע אין 1828. — די ערשטע יידישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן אין ביאַליסטאָק. — יידישע פאַבריק־שטעטלעך.

2. **ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע אין די יאָרן 1880—1900**

אַן א״ב רשימה פון פאַבריקאַנטן ביז 1900. — אַן א״ב רשימה פון לוינ־קעטניקעס ביז 1900. — די וויד־טעקסטיל אינדוסטריע אין ביאַליסטאָק.

3. **דער ביאַליסטאָקער יידישער אַרבעטער ביז 1900**

אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון דעם יידישן טעקסטיל־אַרבעטער. — די שטרייקן פון די וועבערס. — דער אַרבעטער אין פּאָליטישן קאַמף.

4. **די שטורמישע יאָרן 1900—1907**

5. **די הריגות פון 1905 און דער גרויסער ביאַליסטאָקער פּאָגראָם**

6. **אין די יאָרן 1908—1914**

דער ביאַליסטאָקער וועבער דערשלאָגט זיך צום מעכאַנישן וועבשטול. — דער מצב פון יידישער אַרבעט אין 1912. — די אַלטע רעכטלאָזיקייט און דער אָנטייל אין די דומע־וואַלן. — די צוויי ביאַליסטאָקער צייטונגען. — די לעצטע 2 קאַראַבקע ביודזשעטן.

7. **דער איבערבוי פון אַלטע קהילה־אַנשטאַלטן**
די תלמוד־תורה. — די שטאָט־שול. — דער הקדש. — די מקוואות. — די בית־עולמס און חברה קדישא.

8. **ביאַליסטאָק אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה**

9. **יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין די מלחמה־יאָרן**
די קאָאָפּעראַטיוון. — די ביליקע און אומזיסטע קיכן. — דער פּרויען־קאָמיטעט. — פאַראיינען פון סוחרים און הויז־באַזיצערס. — ציוניסטי־שע טעטיקייטן. — דער דראַנג צו קונסט.

10. **דער ועד הקהל און זיין טעטיקייט**

11. **פון 1919 ביז מיטן 30ער יאָרן**
די תקופה פון דער דעמאָקראַטישער קהילה. — די קהילה אין די צוואַנ־ציקער יאָרן. — יידישער אָנטייל אין אינדוסטריע אין די יאָרן 1919—1921. — ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע אין 1936. — דער יידי־שער לווינקעטניק נאָך דער מלחמה

12. **יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן זינט דער אָקופּאַציע**
די העברעאישע פאָלקסשולן. — די העברעאישע גימנאַזיע. — די תחכמוני פאָלקשול. — די יידישע שולן פון דער „צישאָ". — די חדרים מתוקנים פון נאָך דער מלחמה. — די ביאַליסטאָקער ישיבות. — פּריוואַטע אָנ־פאַנג־שולן פאַר מיידלעך. — יידיש־פּוילישע פּריוואַטע גימנאַזיעס. — פּוילישע מלוכהשע פאָלקשולן אין ביאַליסטאָק. — יידישע ביבליאָטעקן.

13. **צוריקבליק און איבערבליק**

זוכצעטל פון פּערזאָנען